וקראת לשבת עונג

# גליונות

# לכבוד שבת קודש

דברי תורה ~ סיפורי צדיקים ~ וענינים שונים

פרשת שלח תש"פ

# גליונות לכבוד שבת

**אין לקרותו בשעת התפלה או בשעת קריאת התורה**

לע"נ רבי משה יהודה לייב בן הגה"צ רבי יחיאל מיכל זללה"ה

***צי אראפ נעמען די גליון גייט צי***
https://gilyonesforshabbes.wixsite.com/gilyones
***אדער שיקט אן אימעיל צי***
gilyonesforshabbes@gmail.com

בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת שלח

גליון קמט שנה ד





בהוצאת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א


# וואס איז אזוי די ספעציעלקייט אין דעם?

"דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם, ונתנו על ציצית הכנף פתיל תכלת והיו לכם לציצית וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה' ועשיתם אותם ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים לאלוקיכם, אני ה' אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלוקים אני ה' אלוקיכם".

לכאורה איז דאס זייער א פשוט'ע מצוה, אויב דו האסט א קלייד וואס האט אויף זיך פיר כנפות, פיר עקן מוז מען לייגן אויף דעם ציצית, און אויב ס'האט נאר דריי אדער פינעף עקן מוז מען נישט לייגן ציצית, אויב אזוי מוז מען פארשטיין פארוואס דווקא ביי ציצית שטייט "וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה'" וואס איז די ספיציעלע חשיבות אין די סגולה וואס מ'טרעפט אין די מצוה פון ציצית, אז דאס דערמאנט אלע מצוות, א סגולה וואס מ'טרעפט נישט ביי אסאך אנדערע און שווערערע מצוות.

נאך מער, די תורה שרייבט אויף די מצוה פון ציצית "והייתם קדושים לאלוקיכם" דורך די מצוה פון ציצית קען מען אנקומען צו מדרגות פון קדושה, ווי אזוי ארבעט עס? וואס איז דא עפעס אין די ציצית וואס מאכט אזוי הייליג דעם מענטש?

נאך מער דארף מען פארשטיין, די תורה האט אונז געגעבן די מצוה פון זכירת יציאת מצרים צו דערמאנען יעדן אינדערפרי און יעדע נאכט די גרויסע נס פון יציאת מצרים, יציאת מצרים ווערט דערמאנט אין די תורה זייער אסאך מאל, איז פארוואס האבן חז"ל אויסגעוועלט דווקא די פרשה פון ציצית צו זיין די פרשה וואס דורך דעם וועט מען דערמאנען יציאת מצרים? וואס האט ציצית צו טוהן מיט יציאת מצרים?

דער פסוק ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אני ה' אלוקיכם" זאגט אויף דעם רש"י איך בין דער אייבישטער וואס איך האב באמערקט אין מצרים ווער איז א בכור און ווער נישט, און איך וועל אויך באמערקן ווער ס'מאכט ריכטיגע תכלת אין זיינע ציצית און ווער ס'מאכט פאלשע תכלת, און איך וועל דאס נישט פארשווייגן, דאס איז א סארט אזהרה וואס מיר טרעפן נישט אין קיין איין פלאץ אין די תורה, אז דער אייבישטער גיבט א מצוה און זאגט אונז אן מ'זאל אויף פאסן דאס נישט צו מאכן אויף א פאלשע אופן, וואס איז דא עפעס אנדערש פון אלע אנדערע מצוות?

*

פאר דעם טיהר פון דער הייליגער רבי יהושע'לה פון בעלזא, זענען געשטאנען אסאך יודען און געווארט אריין צו גיין צום רבי'ן, איינער צו באקומען א דרך אין עבודת השם, איינער פאר א ברכה, דער אנדערער פאר א ישועה, צווישן די עולם איז געשטאנען א יוד וואס האט נישט געקענט אויף הערן צו וויינען, די עולם האט זיך שטארק מרחם געווען אויף אים ווער ווייסט וועלכע צרה איז געקומען אויף אים וואס ער איז וועגן דעם אזוי צובראכן.

"רבי העלף מיר, איך בין אין א גרויסע צרה און איך ווייס נישט וואס צו טוהן" - האט ר' שמעון אויס געפלאצט מיט א געוויין ווען ער איז אריין צום רבי'ן.

א לאנגע צייט האט געדויערט פאר דער רבי אים צו בארוהיגן און צו הערן וואס ס'איז געשעהן.

מיין איינציגער קינד - האט ר' שמעון דערציילט - מיין טייערע יענקעלע האט זיך גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים, ער דרייט זיך שוין א לאנגע צייט פיסט אויף די גאסן מיט אלע שקצים, און לעצטע וואך איז ער אנגעקומען אהיים און מיר געזאגט אז ער גייט חתונה האבן מיט א גוישע מיידל, הילד איננו ואני אנא אני בא, איך ווייס נישט וואס צו טוהן מיט מיין לעבן.

ווי וואוינט יעצט דיין קינד? - פרעגט דער רבי.

איך ווייס נישט פונקטליך - ענטפערט ר' שמעון - ער האט געוואוינט ביי מיר אין דערהיים ביז אפאר טעג צוריק, אבער לעצטע וואך האב איך אזוי געשריגן אויף אים אז ער האט גענומען זיינע זאכן און אנטלויפן צו זיינע שקצים.

איך בעהט דיר - האט דער רבי געזאגט -



# דבר העורך

די פרשה פון די מרגלים איז זייער א וואונדערליכע מעשה, משה רבינו שיקט צוועלף מרגלים וואס די תורה אליין איז מעיד אויף זיי "כולם אנשים" אז זיי זענען אלע חשוב'ע און הייליגע מענטשן.

ס'איז דא א מדרש וואס זאגט אז די מרגלים זענען געשריבן געווארן לויט זייערע חשיבות און לויט זייערע צדקות, דאס הייסט אז יהושע בן נון איז נאך געווען פון די שוואכערע פון זיי, מ'קען זיך גאר נישט פארשטעלן וועלכע גרויסע מענטשן זיי זענען געווען.

משה רבינו שיקט זיי ארויס, ער זאגט זיי פונקטליך וואס צו טוהן אין ארץ כנען, זיי געזעגענען זיך לחיים ולשלום און זיי גייען ארויס אויף זייער וועג.

"וילכו ויבואו" זאגט רש"י אזוי ווי זיי זענען געקומען מיט א שלעכטע עצה אזוי זענען זיי אויך געגאנגען מיט א שלעכטע עצה, ווען זענען זיי געווארן רשעים? ווען איז געשעהן די טויש אין זייערע מיינונג?

איין מינוט צוריק האבן זיי נאך גערעדט מיט משה רבינו און געווען אין א מדרגה פון כולם אנשים, און א מינוט שפעטער זענען זיי שוין געווען "הליכתן בעצה רעה" זיי זענען געווארן רשעים און געפלאנט ווי אזוי אפ צו רעדן כלל ישראל. ווי אזוי קען דאס זיין?

די תורה זאגט אונז פריהער "שלח לך אנשים" זאגט רש"י אז דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה איך הייס דיר נישט שיקן אויב דו ווילסט קענסטו שיקן, אבער איך געב זיי די מעגליכקייט צו האבן א טעות.

די גמרא זאגט: "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום" דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף דעם מענטש יעדן טאג, דער מענטש האט נישט קיין כח פון זיך אליין צו געווינען דער יצר, "אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו" ווען דער אייבישטער וואלט אים נישט געהאלפן וואלט ער נישט מצליח געווען.

זאגט דער אייבישטער פאר משה, זאלסטו וויסן איך הייס דיר נישט שיקן מרגלים, און נאך מער, זיי פארלאזן זיך נישט אויף מיר און זיי גלייבן מיך נישט און ווילן שיקן מרגלים "חייך שאני נותן להם מקום לטעות" איך וועל געבן די מעגליכקייט א טעות צו האבן, איך נעם אוועק פון זיי די סייעתא דשמיא וואס א מענטש דארף האבן צו געווינען זיין יצר הרע, יעצט לאמיר זעהן מיט זייערע אייגענע כוחות אויב זיי וועלן זיך א עצה געבן.

אין די מינוט וואס די סייעתא דשמיא איז אוועק פון זיי זענען זיי געפאלן אין די הענט פון די יצר הרע, און וועגן דעם "וילכו ויבואו" שוין ביים גיין אין די ערשטע מינוט איז געווען בעצה רעה.

מ'קען זיין דער גרעסטער מענטש אבער אן סייעתא דשמיא קען מען פאלן ביז די נידעריגסטע פלאץ.

"שערי סייעתא דשמיא – שטייט פון בעש"ט הק' – איז די חשוב'סטע שער, ווייל אן דעם האט מען גארנישט.

**א גוטן שבת**

פראביר אים צו ברענגען צו מיר, איך וויל מיט אים רעדן.

ר' שמעון איז אהיים געפאהרן, און געגאנגען זוכן זיין יענקעלע אויף די גאסן, אזוי ווי ער האט אים געטראפן איז ער צו געגאנגען צו אים מיט א זיסע שמייכל.

יענקעלע מיין טייערער וואס הערט זיך מיט דיר.

זייער פיין טאטע - ענטפערט יענקעלע.

אפשר קומסטו אביסל צוריק אהיים איך האב דיר שוין לאנג נישט געזעהן.

יענקעלע האט זיך געפרייט אהיים צו קומען, צו זיין ווארעמע פיינע שטוב וואס ער האט אפ געלאזט בייזערהייט.

ר' שמעון האט אים גאר נישט געזאגט אויף דעם וואס ער וויל חתונה האבן מיט א שיקצע, אזוי איז ער געזעצן מיט אים אפאר רוהיגע טעג.

איך פאר מארגן קיין בעלזא צום רב, אפשר ווילסטו מיט קומען מיט מיר - פרעגט ר' שמעון איין טאג זיין יענקעלע.

טאטע, ס'וועט דיר גארנישט העלפן - האט יענקעלע אויסגערופן מיט חוצפה - איך דער רבי וועט מיר נישט קענען איבער רעדן איבער מיין חתונה, איך האב נישט וואס צו קומען מיט דיר.

אבער פאר דיין חתונה ווילסטו נישט אריין גיין צום רבי'ן? - וואונדערט זיך דער טאטע - דו וועסט אזוי גיין צום חופה אן דער רבי'ס ברכות?!

זיכער וויל איך - זאגט יענקעלע - אבער דער רבי וועט מיר זיכער פראבירן איבער צו רעדן, און איך זאג דיר יעצט אז אויב דער רבי' וועט מיר אנהייבן צו זאגן עפעס אנטלויף איך פון דארט.

מסכים - זאגט ר' שמעון.

מסכים - זאגט יענקעלע.

און אזוי זענען ביידע ארויף אויפ'ן וואגן, ר' שמעון דער חסיד מיט זיין יענקעלע דער שייגעץ, פארן צום רבי'ן נעמען א ברכה פאר'ן חתונה.

אזוי ווי מ'איז אנגעקומען קיין בעלזא איז מען גלייך אריין צום רב, ר' שמעון גיבט א קוויטל פאר'ן רבי, און דארט האט ער אויך צו געשריבן אז ער האט צו געזאגט פאר זיין זוהן אז דער רבי וועט אים נישט פראבירן איבער צו רעדן.

ר' שמעון איז זייער אנגעצויגן וואס ס'גייט דא געשעהן, און יענקעלע איז אויך אנגעצויגן אויב דער רבי וועט אים אנהייבן צו געבן מוסר.

דער רבי נעמט זיי אויף מיט א שמייכל, און כאפט א שמועס מיט יענקעלע, וואס ער טוהט און ווי אזוי ער פאברענגט אין זיין לעבן.

ווען איז די חתונה? - פרעגט דער רבי.

אין פיר וואכן ארום. - ענטפערט יענקעלע.

נו און מ'האט שוין אלעס צו געגרייט - פרעגט דער רבי.

יענקעלע שאקלט מיט'ן קאפ, שפירט זיך נישט אזוי באקוועם צו דערציילן פאר דער רבי אז מ'דארף גארנישט צו גרייטן.

און דו ר' שמעון - פרעגט דער רבי - האסטו שוין געמאכט הכנות צו די חתונה פון דיין צדיק'ל.

וועלכע הכנות זאל איך מאכן? - פרעגן ר' שמעון מיט טרערן.

וואס הייסט? - זאגט דער רבי - גרייט דיך צו דיינע שיינע שבת'דיגע קליידער צו די נאכט פון די חתונה, דו ביסט דאך דעם חתן'ס טאטע, האסט פארגעסן? און ס'פאסט אויך אז דו זאלסט קויפן אפאר גוטע פעסער בראנפן, פון די טייערע סארטן לכבוד די חתונה, ס'איז דאך א גרויסע שמחה מ'מוז זיך קענען מיט פרייען.

און די יענקעלע - זאגט דער רבי - איך וויל דיר געבן א מתנה פאר דיין חתונה.

די גייסט דאך וואוינען צווישן גוים, און אזוי ווי דו ווייסט אמאל קען זיין שלעכטע גוים וואס ס'איז ממש א סכנה צו זיין לעבן זיי, איך וויל דיר געבן א שמירה דו זאלסט נישט ווערן געשעדיגט פון זיי.

דער רבי גייט צו צום שראנק און נעמט ארויס א טלית קטן, גיבט דאס פאר יענקעלע און זאגט אים:

יענקעלע, דאס איז א שמירה פאר דיר דאס זאלסט זיין געהיטן פון די שלעכטע מענטשן וואס זענען ארום דיר, טוה דאס אן אונטער דיינע קליידער קיינער זאל נישט זעהן, און אזוי וועסטו זיין געהיטן פון אלע שלעכטע זאכן.

יענקעלע - וואס האט פארשטאנען אז דער רבי איז מיט אים, און מיינט נאר זיין טובה - האט גענומען דעם טלית קטן און אנגעטוהן אונטער זיינע קליידער.

דער רבי האט זיי שיין אנגעווינטשן און זיי זענען ארויס פון צימער.

יענקעלע איז געווען זייער צופרידן, דער רבי האט קיין איין שלעכטע ווארט נישט געזאגט אויף זיין חתונה, און ער האט אים אפילו געגעבן א מתנה א שמירה, דער טאטע האט נישט יעצט מער וואס צו האבן טענה'ס - האט ער געטראכט ביי זיך.

אבער ר' שמעון איז געווען זייער צומישט און צובראכן, ווי אזוי לאזט דער רבי צו אזא חתונה? - האט ער נישט געקענט פארשטיין - און דער רבי זאגט אים נאך זיך צו צוגרייטן צו די חתונה בשמחה? היתכן?

אבער אזוי ווי א געטרייער חסיד האט זיך ר' שמעון געשטארקט אין אמונת צדיקים, און אויפ'ן וועג אהיים האט ער איין געקויפט אזוי ווי דער רבי האט געהייסן אפאר טייערע פעסער בראנפען די שטערקסטע און די בעסטע וואס ער האט געטראפן.

הגיע עת דודים - ס'איז געקומען די טאג פון די חתונה, די חתונה איז פארגעקומען אין א קליינע זאל וואס יענקעלע האט צוגעגרייט, אין א קליינע טיש אין ווינקל איז געזעצן ר' שמעון מיט זיינע שבת'דיגע קליידער, און צו געקוקט ווי אזוי יענקעלע מיט זיינע שקצים זיצן און פרעסן נבלות און טרפות.

זיין הארץ האט זיך צוריסן אויף שטיקער פון גרויס צער, ער האט געוואלט אנטלויפן פון דארט, אבער אז דער רבי האט געהייסן גיין צו די חתונה גייט מען.

אינמיטן די סעודה האט ר' שמעון אריין געברענגט צום טיש א פאס מיט בראנפן, און געשטעלן לחיים פאר די עולם.

נו, אזא פיינע בראנפן יעדער האט זיך געשטעלט צום טרינקען און ר' שמעון האט פאר יעדען געגאסן ביד רחבה מיט א ברייטקייט אין גרויסע גלעזער, פארשטייט זיך אז די ערשטע האט ער אנגעגאסן פאר די חתן כלה, וואס האבן זיך אנגעטרינקען אזוי ווי ס'דארף צו זיין.

נאך די ערשטע כוס איז געקומען א צווייטע, און נאך די ערשטע פאס האט זיך געעפנט נאר אפאר גוטע פעסער, די עולם האט זיך גענומען טאנצן און שפרינגען די כוסות האבן זיך זייער שנעל אויסגעליידיגט און גלייך צוריק אנגעפילט.

קיינער האט שוין נישט געציילט די כוסות, די עולם האט געטרינקען אין גרויסען, און געטאנצט עד לב השמים, ס'איז געווארן הייס און די שיכורים האבן אויסגעטוהן זייערע שיינע קליידער ס'זאל נישט זיין אזוי הייס.

אזוי ווי דער חשוב'ער חתן יענקעלע האט זיך אויסגעטוהן זיין שיינע חתן קלייד, האט ער געכאפט אז ער האט אונטער דעם געהאט די טלית קטן וואס ער האט באקומען פון דער רבי, ער האט עס פראבירט אריין צו שטיפן אונטער די קליידער זיינע חברים זאלן דאס נישט באמערקן אבער ס'איז שוין געווען צו שפעט.

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה:** די תקופה איז פאר מיר א צומישטע צייט, פון איין זייט איז דאס אזוי ווי אנהייב זמן, אלעס קומט יעצט צוריק מיט א נייע התחלה, אבער פון די אנדערע זייט איז מען שוין כמעט סוף זמן, און ס'שפירט זיך אז ס'איז נאר נאך א קורצע צייט וואס מ'מוז אדורך שטיפן ביז סוף יאהר, ווי אזוי כאפט מען זיך צוריק מיט א פרישקייט?

## תשובה:

איינע פון די מתנות וואס דער אייבישטער האט אונז געגעבן אויף די וועלט איז די "התחדשות" - די פרישקייט, ווען א מענטש הייבן אן א נייע זאך מיט א פרישקייט מיט א געשמאק גייט עס אינגאנצן אנדערש, דער מענטש מאכט עס מיט די גאנצע געשמאק און מיט די גאנצע ברען און ס'זעהט טאקע אויס זייער גוט, אינגאנצן אנדערש פון א זאך וואס מ'מאכט נאך אמאל און נאך אמאל נאר ווייל איך האב אזוי אנגעהויבן און ס'שלעפט זיך שוין נאך ווייטער.

די שאלה איז ווי אזוי קען איך טאקע האבן אין מיר א פרישקייט ווען ס'איז נישטא, ווי אזוי קען איך מאכן מיט א התחדשות אויב די זאכן זענען שוין אלט און איך מאך דאס שוין טויזנט מאל?

ס'איז אמאל פאר געקומען זייער א אינטערעסאנטע לאטערי גורל, דער וואס האט פארדינט דעם גורל האט באקומען א קרעדיט קארד פאר א גאנצע יאהר און ער האט געקענט קויפן מיט דעם וואס ער וויל און וויפיל ער וויל ביז פופצען טויזנט דאלער יעדן טאג, אבער א טאג וואס ער האט נישט געקויפט האט ער פארלוירען די קרעדיט פון דעם טאג, ס'ווערט נישט אריבער געפירט קרעדיט פון א טאג צו א טאג, און ס'ווערט גארנישט איינגעזאמלט.

א יוד - לאמיר אים רופן משה - האט פארדינט דעם גורל, און ער איז געגאנגען צו די לאטארי אפיס און באקומען די שיינע גאלדענע קרעדיט קארד, און מ'האט אים קלאר געשטעלט אלע כללים וויפיל געלט ער קען אויסגעבן יעדן טאג, ער איז ארויס פון דארט מיט גרויס שמחה.

פארשטייט זיך אז משה האט אויס געניצט די קארד ווי ס'דארף צו זיין, ער האט איבער געבויעט זיין הויז און איינגעקויפט אסאך שיינע און טייערע מעבעל, און יעדן טאג איז ער געווען באשעפטיגט איינצוקויפן נאך און נאך סחורה און זאכן, וואס וועט אים ארויס העלפן צום לעבן אויך ווען די קארד וועט שוין נישט זיין ביי אים.

ס'איז אריבער אפאר טעג און זיין חבר טרעפט משה זיצט און ליינט א צייטונג.

משה וואס טוהסטו? - פרעגט אים דער חבר - האסט שוין אויס גענוצט דיין היינטיגע קרעדיט וואס דו זיצט אזוי רוהיג מיט דיין צייטונג.

ניין - זאגט משה - היינט בין איך אויף געשטאנען שפעט איך האב נישט כח, איך בין אביסל אויס געמיטשעט, מארגן וועל איך אויף שטיין ווי א מענטש און דעמאלס וועל איך שוין זעהן וואס איך קען טוהן.

אבער איז עס נישט אשאד אויף די געלט פון היינט? - פרעגט דער חבר.

מארגן איז אויך א טאג - ענטפערט משה.

ווער פון די צוויי חברים זענען גערעכט? פארשטייט זיך אז משה איז נישט גערעכט ווייל יעדן טאג איז דא נייע געלט און אויב ער נוצט דאס נישט אויס פארלירט ער דאס.

איז ווי ליגט דער טעות פון משה? ווי אזוי איז ער אנגעקומען צו מאכן אזא שאדן פאר זיך אליין?

משה'ס טעות איז פון די מחשבה אז היינט איז אזוי ווי נעכטן און מארגן, ער האט זיך אזוי צו געוואוינט אז ער האט פארגעסן, אז יעדן טאג איז א חשבון פאר זיך, און ער קוקט אן די טעג אלץ איין לאנגע צייט, איז אויב נישט היינט וועט זיין מארגן.

למעשה איז דאס דער מצב וואס יעדער מענטש געפינט זיך, יעדן טאג באקומען אונז א מתנה פון פיר אין צוואנציג שעה, וואס מיר קענען קונה זיין אין דעם זכותים און מיר קענען באלייכטן אונזערע נשמה אויף דעם טאג, די מארגענדיגע טאג איז א אינגאנצן א אנדערע חשבון וואס האט גאר נישט מיט די פריהערדיגע טאג.

מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען "אלוקי, נשמה שנתת בי טהורה היא" - די נשמה וואס דו האסט אונז געגעבן איז טהור, לכאורה ווי אזוי קענען מען זאגן אויף די נשמה אז זי איז טהור אויב איך בין נעכטן אדער אייער נעכטן נישט געווען ווי ס'דארף צו זיין?

נאר דער אור החיים הקדוש אין פרשת ויחי זאגט: "כפי מספר הניצוצות של הצלם כך מספר ימי חייו והימים שעושה בהם המצות נתקן ניצוץ אחד של הצלם ההוא כנגד היום ההוא והיום שאין עושה בו מצוה נשאר פגום ניצוץ ההוא של הצלם ההוא כנגד היום ההוא וכן על זה הדרך" - יעדער מענטש באקומט יעדן טאג א ניצוץ פון זיין נשמה וואס געהערט נאר צו דעם טאג, און ער האט נאר דעם טאג צו פארעכטן דעם חלק הנשמה, יעדן טאג קומט א אנדערע ניצוץ נשמה אראפ צום מענטש.

דאס הייסט אז יעדן טאג באקומט מען א נייע ריינע נשמה וואס אויף דעם זאגן מיר "נשמה שנתת בי טהורה היא", יעדן טאג איז א חשבון פאר זיך, און יעדן טאג האט מען א חלק וואס מ'קען נאר מאכן אין דעם טאג און דאס האט גארנישט צו טוהן מיט די טעג וואס זענען געווען פריהער אדער שפעטער.

פאר קבלת התורה שטייט אין פסוק "ביום הזה באו מדבר סיני" ברענגט רש"י אויף דעם דער מדרש אז דאס קומט צו לערנען אז "בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים", די תורה געבט אונז דא א עצה, אז אויב מיר ווילן מצליח זיין און שטייגן אין תורה

דארפן מיר דאס אנעמען אז יעדער טאג אז א נייע זאך און יעדע טאג איז א חשבון פאר זיך אן צו קוקן וואס ס'איז געווען און וואס ס'וועט זיין, דאס איז דער וועג וואס מ'קען שפירן התחדשות מיט יעדע נייע טאג וואס מ'שטייט אויף און פירן א חשבון נאר מיט די היינטיגע טאג.

ווען א מענטש באטראכט דאס יעדן אינדערפרי, הייבט ער אן דעם טאג מיט א פרישקייט, ס'איז נישט קיין חילוק אויב ס'איז מוצאי קאראנע און נישט אויב ס'איז ערב סוף זמן, ס'איז א טאג פאר זיך וואס האט גארנישט צו טוהן מיט ארום און ארום, און איך דארף זעהן ארויס צו נעמען פון דעם טאג די מערסטע וואס איך קען צו באלייכטן מיין ניצוץ נשמה וואס געהערט צו היינט, אן קיין חשבון וואס ס'איז געווען נעכטן און וואס ס'וועט זיין מארגן.

און אזוי שרייבט דער הייליגער דגל מחנה אפרים אין פרשת עקב: "...אם הוא מאמין באמונה שלמה שהקב"ה מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית הוא בכל יום בריה חדשה וכל העולמות הם ברואים חדשים... ואם אינו מאמין באמונה שלמה שהקב"ה מחדש בכל יום מעשה בראשית, התפלה והמצוות נעשים אצלו כדבר ישן ורגיל ונמאס אצלו..."

מסקנת הדברים: ווען איינער נעמט דעם טאג אזוי ווי ס'איז א חלק פון א לאנגע זמן און ס'איז געבינדן מיט נעכטן און מיט מארגן ווערט ער אויסגעמוטשעט און "ואתה עייף ויגע ולא ירא אלוקים" ס'ברענגט א מידעגקייט אין עבודת השם. אבער ווען א מענטש נעמט אן יעדן טאג אזוי ווי א בן יחיד א איינציגע טאג וואס ער באקומט עס נאר היינט, און יעדע טאג איז א חשבון פאר זיך דעמאלס באקומט ער א התחדשות און א פרישקייט יעדן טאג פון ניי.

הצלחה רבה!

## המשך מעמוד ב'

קוקט'ס וואס ער האט אויף זיך - האבן די שיכורים געשריגן.

א יידישע קלייד! יענקעלע איז א יוד!

וואס?! דו ביסט א יוד? האסט אונז אפ גענארט אז דו ביסט א גוי אזוי ווי אונז.

די חברה האבן אים אנגעהויבן צו קלאפן, מ'האט אים אריין געשלעפט אינמיטן און יעדער איינער האט מכבד געווען יענקעלע דעם יוד מיט געזונטע קלעפ, די שיכורים האבן זיך נישט געקענט בארוהיגן ביז מ'האט נישט געזעהן יענקעלע צובלוטיקט אינגאנצן.

יענקעלע איז קוים ארויס געלאפן פון דארט, אינדרויסן האט אים אפ געווארט זיין טאטע און אים געהאלפן אהיים צו קומען.

פארשטייט זיך אז נאך אזא פיינע שיעור וואס ער האט באקומען האט יענקעלע נישט פראבירט צוריק צו גיין צו זיינע גוטע "חברים" וואס האבן אים אזוי "ליב געהאט" און אים אזוי שטארק געשטיפט אפ צו לאזן די יידישע וועג, און געווארן א בעל תשובה.

*

די גמרא אין מנחות דף מ"ג זאגט:

"אמר רבי מאיר גדול עונשו של לבן יותר מעונשו של תכלת" - דער וואס מאכט נישט קיין ווייסע ציצית איז זיין שטראף גרעסער פון דער וואס טוהט אן ציצית אן תכלת, "משל למה הדבר דומה למלך בשר ודם שאמר לשני עבדיו" א משל צו א קעניג וואס האט געהאט צוויי קנעכט און ער האט זיי באפוילן, "לאחד אמר הבא לי חותם של טיט" - פאר איינער האט ער געזאגט גרייט מיר צו א סטעמפל פון בלאטע, "ולאחד אמר הבא לי חותם של זהב" - און פאר דער אנדערער האט ער געזאגט גרייט מיר צו א סטעמפל פון גאלד, "ופשעו שניהם ולא הביאו" - ביידע האבן נישט געמאכט די באפעל, "איזה מהם עונשו מרובה הוי אומר זה שאמר לו הבא לי חותם של טיט ולא הביא" - ווער האט מער געזינדיגט? דער וואס האט געדארפט צו גרייטן פון בלאטע, ווייל דאס איז גרינגער צו טרעפן.

תוספות איז מסביר: פארוואס ברענגט רבי מאיר דווקא דעם משל מסביר צו זיין די ענין פון ציצית? זאגט תוספות אז די ציצית איז אזוי ווי א "חותם" א צייכן וואס מ'פלעגט מאכן פאר א קנעכט צו וויסן אז ער איז א קנעכט, אזוי אויך איז די ציצית א חותם א צייכן אז מיר זענען די קנעכט פון דער אייבישטער.

וועגן דעם - זאגט דער אור החיים הקדוש - זענען די ציצית אויף אלע פיר כנפות און דווקא נאר אויף פיר עקן, צו ווייזן אז מיר זענען אונטער געטעניגט צום אייבישטער וואס וועלטיגט אויף אלע פיר עקן פון די וועלט, און אויב ס'האט נאר דריי עקן איז די גאנצע זאך גארנישט ווערט, ווייל צו זאגן אז דער אייבישטער וועלטיגט אויף דריי זייטן פון די וועלט איז נישט א מודה במקצת נאר ס'איז איין שטיק כפירה.

דער מדרש שרייבט א משל צו א מענטש וואס איז אראפ געפאלען פון א שיף אריין אין וואסער, דער שיף קאפיטן האט אים אויסגעשטרעקט א שטריק און געזאגט כאפ שטארק אן דעם שטריק כל זמן די וועסט אן האלטן דעם שטריק וועסטו בלייבן לעבן, אזוי אויך זאגט דער אייבישטער פאר כלל ישראל האלט דיך שטארק אין די מצוה פון ציצית, ווייל כל זמן די ביסט צו געבינדן מיט די ציצית ביסטו צו געבינדן צו מיר, איז אפילו ווען די ביסט אין די שרעקליכע וואסער און אין א גרויסע סכנה, וועסטו ווערן געראטעוועט.

ווייל די ציצית איז די סטעמפל פון דער אייבישטער, און דער שטריק טוהט צו בינדן דעם יוד צו דער אייבישטער, און אויב מ'איז צו געבינדן, און אויב מ'האט אויף זיך די סטעמפל איז מען נאך א חלק פון דעם כלל ישראל איז "ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום", און טאקע וועגן דעם שטייט א ספיציעלע אזהרה מ'זאל נישט מאכן פאלשע תכלת, ווייל טאקע ביי א חתימה, ביי א סטעמפל איז זייער וויכטיג נישט צו מאכן פאלש ווייל דעמאלס איז די גאנצע געשעפט פאלש.

ווען זענען מיר געווארן עבדי השם? ביי יציאת מצרים, "כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים", דאס איז דאך געווען די עיקר מטרה פון יציאת מצרים צו באקומען די תורה און ווערן עבדי השם, און דא ביי די מצוה פון ציצית האבן מיר באקומען דעם חותם של עבדות, די צייכן אז מיר זענען עבדי השם. וועגן דעם דערמאנט מען דווקא ביי די פרשה פון ציצית די ענין פון יציאת מצרים.

לויט דעם קען מען אויך פארשטיין דעם ענין פון להתעטף בציצית, ביי א טלית גדול נעמט מען זיך ארום אינגאנצען מיט דעם טלית, דער גאנצער קאפ איז צו געדעקט, צו ווייזן אז מיר געבן זיך איבער אינגאנצן צום אייבישטער די גאנצע רמ"ח, אינגאנצען איבער געגעבן מיט אלע אונזערע חלקים און די גאנצע צייט שרייען מיר אויס אז מיר זענען עבדי ה'.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אשר יצר' - 'רופא כל בשר' (ג)

### נקבים נקבים חלולים חלולים

אזוי ווערט דער פסוק: "כי גדול אתה ועושה נפלאות" (תהלים פו י) אויסגעטייטש אין מדרש (ב"ר א ג), "אמר רבי תנחום: הנוד הזה אם יהיה בו נקב כחוד של מחט, כל רוחו יוצא ממנו, והאדם עשוי מחילים מחילים, נקבים נקבים ואין רוחו יוצא ממנו, מי יעשה כן? 'אתה אלוקים לבדך'" (שם).

ווען מיר ווילן שילדערן די טיפקייט פון די חכמה וואס ליגט אין די גלידער פון קערפער, וועלן מיר עס קאנצענטרירן מיטן דערמאנען אז זיי זענען באשאפן געווארן אויף אזא וועג פון "נקבים נקבים חלולים חלולים". אין די שילדערונג ווערט אריינגערעכנט די אלע גלידער אזוי ווי עס איז ערקלערט אין די ווערטער פון די מפרשים:

אין קערפער פון מענטש זענען דא אסאך לעכער וואס דארפן זיין צוליב פארשידענע צוועקן; אין קאפ זענען דא צוויי לעכער וואו דארט זענען די אויגן וואס דורך זיי זעהט ער אלעס ארום זיך. אראפציר פון די אויגן זענען דא די נאז-לעכער וואס דורך זיי קענען מיר אטעמען, שמעקן און ארויסגעבן די איבעריגע פייכטקייט פון די קערפער. אונטער זיי איז די מויל וואס איז געווידמעט אויף עסן און רעדן, און אין די מויל איז דא די לאך פון די 'בית הבליעה' וואס פירט אראפ די עסן צו די מאגן און די 'קנה' צו אטעמען וואס דורך דעם ציט דער מענטש אריין לופט אין זיינע לונגען און די ווערטער קומען ארויס פון זיין גארגל. אזוי איז אונזער קערפער וואס איז פול מיט לעכער, באשאפן געווארן מיט חכמה און פארשטאנד, כדי מ'זאל האבן פון זיי דאס בעסטע נוצן.

אזוי אויך איז דער קערפער פון מענטש געבויעט פון אסאך הוילקייטן, אזוי ווי די הוילקייט פון די קאפ וואו דארט געפונט זיך דער מח, די הוילקייט פון די מויל וואו דארט זענען די צונג און ציינער, די הוילקייט פון די הארץ וואו דורך דעם ווערט די בלוט צושפרייט אין אלע גלידער, די הוילקייט פון די מאגן וואו דארט ווערט די עסן צומאלן און די הוילקייט פון די לונגען וואו די לופט ווערט געפילטערט, א.א.וו.

אויסער די הוילקייטן וואס זענען באקאנט, שרייבט דער טור (או"ח ו) אז די ווערטער 'חלולים חלולים' זענען בגימטריה צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג אקעגן אלע גלידער פון קערפער. און דער גר"א ('אמרי נעם' ברכות ס ב) ערקלערט וויבאלד "עס איז נישטא א גליד וואס האט נישט אין זיך א הוילקייט, אפילו די האר האבן אויך אין זיך א הוילקייט", קומט אויס אז אין דעם לשון דאנקען מיר אויף די בריאה פון אלע גלידער צוזאמען.

### גלוי וידוע לפני כסא כבודך

אין די פארזעצונג פון די ברכה רופן מיר אויס אז נאר פאר הקב"ה איז "גלוי וידוע" ווי טיף איז די חכמה וואס מיט דעם איז אונזער קערפער באשאפן געווארן, אויף דעם בעסטן און שענסטן וועג.

און טאקע אזוי, אסאך פון די מפרשים שטעלן זיך פארוואס האט מען אויסדערוועלט לויבן דוקא מיט די לשון: "גלוי וידוע **לפני כסא כבודך**", און נישט מיט די געוועגליכע לשון: 'לפניך'?

אין 'ספר המנהגות' (אנהויב ספר ד"ה ונהגו) ערקלערט רבינו אשר מלוניל אז די לשון לערנט אונז אז בעפאר דער מענטש איז באשאפן געווארן, האט דער אייבערשטער באשלאסן באשאפן דעם מענטש אויף דעם וועג פון "נקבים... חלולים...", כדי דורך דעם זאל דער מענטש פארשטיין זיין נידריגקייט אקעגן די כסא הכבוד, און זיך אונטערטעניגן צו השי"ת און זיך נישט גרויס האלטן.

נאך האט דער גר"א ערקלערט, אז די חכמים האבן מתקן געווען דער לשון כדי צו באטאנען אנדערשט פון די וואס האלטן אז עס פאסט נישט פאר הקב"ה משגיח זיין אויף די נידריגע באשעפענישן, וועגן דעם האט מען אויסגעשטעלט אין די ברכה אזא געוואלדיגע לשון: דיר צו לערנען, אז אפילו פון אזא דערהויבענע פלאץ, וואס די מלאכים האבן נישט קיין השגה אין דעם - די כסא הכבוד, פון דארט קוקט דער אייבערשטער אויף דעם נידריגסטן טייל פון דער וועלט, ווייל עס איז נישטא א זאך וואס קען עקזיסטירן אן זיין השגחה ('אמרי נעם' ברכות ס ב).

רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א דער פרעזידענט פון 'בני אמונים' איז מאיר א ספעציעלע הארה אין דעם ענין: באלד אין די ערשטע מינוטן פון דעם נייעם טאג, אין אנהויב די ברכות השחר ברענגען מיר ארויס די ספעציעלע קשר וואס איז דא צווישן אונז און הקב"ה. א קשר וואס ווערט ארויסגעברענגט דורך יעדער גליד עקסטער אז דער באשעפער וואס זיצט אויף 'כסא כבודך' איז משגיח אויף זיי אין יעדע מינוט.

### די געבעט וואס איז מרומז אין די ברכה

געווענליך, ביי לענגערע ברכות, האבן די מסדרי התפילה אויך אריינגעשטעלט א בקשה וואס האט א שייכות צו די אינהאלט פון די ברכה, אבער ביי די ברכה, וואס מ'לויבט אויפן יסוד פון לעבן פון א מענטש, לייגן מיר נישט צו קיין שום בקשה, פארוואס?

רבי שמשון פינקוס האט דאס ערקלערט אויף א וואונדערליכן אופן:

א טאטע וואס הערט זיין זון זאגט אויף א געוויסע זאך אז זיין לעבן איז נישט קיין לעבן אן דעם, דארף דען דער זון לאזן הערן פאר זיין פאטער א אפענע געבעט אויף דעם? דער פאטער וועט זיכער זיך צו איילן נאכגעבן זיין געבעט נאך בעפאר ער וועט בעטן! אויך דא, נאכן זאגן די ווערטער וואס מיט דעם ענדיגט מען די ברכה - "גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ שֶׁאִם יִפָּתֵחַ אֶחָד מֵהֶם אוֹ יִסָּתֵם אֶחָד מֵהֶם אִי **אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמוֹד לְפָנֶיךָ אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת**", דארף מען נישט בעטן ('נפש שמשון' - סידור התפילה עמ' סה).

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע לייגער

לכ' די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

יעצט האבן מיר געלערנט אין גמרא לויט דעם סדר פון 'דף היומי' (שבת צז א) אז אידן ווערן אנגערופן "מאמינים בני מאמינים". פארוואס? "מאמינים", אזוי ווי עס שטייט (שמות ד לא): "**ויאמן העם**", און "בני מאמינים" ווייל עס שטייט אויף אברהם אבינו (בראשית טו ו): "**והאמן בה'**". האב איך זיך דערמאנט א ווארט וואס איך האב אמאל געזען אין ספר 'בית אברהם' (פרשת לך לך) פון הגאון רבי אברהם יוסף קרייזווירטה הי"ד, דער פאטער פון אנטווערפענער רב הגאון רבי חיים זצ"ל: פארוואס ביי אברהם שטייט "והאמן" א לשון 'הפעיל' וואס מיינט געמאכט טון, און נישט 'ויאמן', אז ער האט געגלייבט, אזוי ווי עס שטייט ביי די אידן? נאר ווען אברהם האט געענטפערט 'אמן' אויף די ברכה פון השי"ת: "כה יהיה זרעך", האט ער דורך דעם איינגעווארצלט אין די קומענדיגע דורות דעם חיוב פון ענטפערן אמן, און האט איינגעפלאנצט די אמונה אין די הערצער פון זיינע קינדער ווייטער, אז זיי ווערן אנגערופן "מאמינים בני מאמינים".

מיט גרויס שעצונג
י.ש.ג - בית שמש

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## 'פארשפעטיגט נאר פינף מינוט...'

די פאלגנדע געשיכטע האט דערציילט הגאון רבי משה מרדכי חדש זצ"ל, ראש ישיבת 'אור אלחנן', וואס האט עס געהערט פון די בעל המעשה, א רב אין א געוויסע קהילה אין חוץ לארץ.

די ווייזער'ס אויף די זייגער האבן געוויזן אויף צוויי אזייגער פארטאג'ס ווען די טעלעפאון האט זיך צוקלינגען אין הויז פון מיכאל. אין א אויסנאם פאל, איז מיכאל שוין אין יענע שעה געווען פארזינקען אין זיין שלאף, דערנאך וואס פאריגע נאכט האט ער באשלאסן גיין שלאפן אין א פריערדיגע שעה פון זיין שטייגער. א פערטל נאך איינס ביינאכט איז ער שוין געגאנגען זיך צולייגן ווען ער רעכנט צו שלאפן פינף מיט א האלב שעה'ן.

א פערטל פאר זיבן האט ער געדארפט זיין 'אויף די פוס', אזוי ווי זיין שטייגער יעדן טאג, זיך אנטון שנעל און זיך יאגן צו זיין אויטא וואס איז אונטער זיין הויז, און פון דארט זיך איילן אין שול אריין, צו זיין קביעות'דיגן מנין ווי ער דאוונט יעדן טאג - די מנין וואס הייבט אן דאווענען זיבן אזייגער, און יעצט האלט מען שוין ביי 'ברוך שאמר'.

מיכאל געדענקט נאך אז ווען ער איז געווען גאר א יונגער יונגערמאן האט ער זייער מקפיד געווען צו זיין ביים דאווענען פון אנהויב, ווען ער איז שוין אנגעטון מיט טלית און תפילין, נאכן זאגן די ברכות השחר און קרבנות. אבער אין לויף פון די יארן און די טרדות זענען געוואקסן, איז זיין הנהגה אפגעשוואכט געווארן ביז ער איז אנגעקומען צו דעם יעצטיגן אויפפירונג.

מיכאל האט אליינ'ס נישט פארשטאנען וויאזוי קען די זאך פאסירן. אלץ מוצלח'דיגער ביזנעסמאן וואס פארמאגט א גלונגענע מעבל-פאבריק, וואס האט שטענדיג אכטונג געגעבן אויף 'צייט'. 'צייט איז צייט' - האט ער שטענדיג רעאגירט פאר די קליענטן וואס האבן אנגעקלאפט אויף די טירן פון זיין געשעפט פארן עס עפענען אדער נאכן עס פארשפארן. דאס האט אבער נישט צוגעברענגט אז די קליענטן זאלן אויפהערן קומען צו זיין געשעפט, פארקערט, דאס האט צוגעגעבן צו די גוטע נאמען וואס די געשעפט האט פאמאגט אז די באשטעלונגען ווערן שטענדיג אנקומען אין די באשטימטע צייט, אזוי ווי די סלאגאן וואס מיכאל האט באשלאסן ארויף שטעלן אויף די לאגא פון זיין געשעפט: "מעבל אין צייט און אויף אסאך צייט".

אבער, ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער דאווענען איז מיכאל געווען איבערראשט פון זיך אליינ'ס. ער האט נישט געוואוסט ווען און וויאזוי איז געווארן ביי אים די טויש, אבער אזוי איז געווען, שטענדיג האט ער זיך געטראפן אריינקומען מיט א איילעניש אין שול ווען דער חזן האט אויסגעלאזט 'ברוך שאמר' אדער אינמיטן 'פסוקי דזמרה' ווען צוליב דעם איז ער געצווינגען געווען אריבערהיפן אויף געוויסע שטיקלעך כדי צו קענען אניאגן דעם שליח ציבור און די מנין.

פאר די וואס האבן אים געטון אויפמערקן האט ער געענטפערט טרוקענערהייט: "וואס זאל איך טון, איך בין מיד! אז מ'גייט שלאפן שפעט - שטייט מען אויף שפעט...", אבער אין זיין הארץ האט ער גוט געוואוסט אז זיין תירוץ איז גארנישט מיט נישט, כל זמן ער פירט זיך אזוי טאג טעגליך.

ממש לעצטנ'ס איז צו אים צוגעקומען דער רב פון שול, הרב בערגשטיין, און אים געגעבן א קלאפ אויף זיין אקסל מיט א פריינדשאפט און זיך נאכגעפרעגט וואס ער טוט א.א.וו., נאכדעם האט ער אים איידעלערהייט אויפמערקזאם געמאכט אז זיינע טעגליכע שפעטיגונגען ברענגט צו א שוואכקייט צווישן אלע מתפללים, און ווייל ער איז א קעריזמאטיקער פערזענליכקייט, אנשטאט ער זאל ציעהן די מתפללים צו קומען פריה, האט ער זיי מיטגעשלעפט זיי זאלן אויך שפעטיגן און נאכלאזן.

"דו שטרענגסט דיך אן קומען יעדן טאג צום דאווענען מיט א קביעות, פארוואס זאלסטו זיך נישט נאך אביסל אנשטרענגען צו קומען אין צייט?!" - האט דער רב געזאגט די באמערקונג באהאלטן אין א קאמפלימענט, "א מענטש ווי דיר, וועט זיכער ציעהן די אנדערע מתפללים זאלן קומען פריה אזוי ווי דו..." - האט ער צוגעלייגט.

די ווערטער זענען אריין אין די טיפעניש פון זיין הארץ, און טראץ זיי זענען געזאגט געווארן איידעלערהייט, און ער האט אויך פארשטאנען די וויכטיגקייט פון דעם, אנשטאט ער זאל עס אננעמען באהבה האט ער באשלאסן עס אפווארפן מיט שטאלץ: "פון וואס רעדט מען? בלויז פון עטליכע מינוטן שפעטיגן? נו, דער עיקר איז אז איך קום...".

דער רב האט אים פרובירט ערקלערן אז עס איז דא 'אנקומען' און עס איז דא 'אנקומען'... דער אונטערשייד צווישן קומען אין צייט צום דאווענען, צי קומען עטליכע מינוט שפעטער, איז געוואלדיג. אויב טוט מען רעספעקטירן דעם אייבערשטן וואס האט געמאכט רוהן זיין הייליגן נאמען אין די שולן, שפעטיגט מען נישט! אבער מיכאל האט נישט געוואלט הערן, ווי געזאגט, ער האט גוט געוואוסט ווי ריכטיג זענען די רייד, אבער זיין שטאלץ, און אפשר זיין פויעלקייט, האבן צוגעברענגט עס זיי אפוווארפן.

לאמיר צוריק גיין צו די יעצטיגע געשעהניש: צוויי אזייגער ביינאכט, האט מיכאל זיך אויפגעכאפט פון זיין קורצע שלאף, הערנדיג די קלינג פון זיין סעלפאון וואס איז געווען נאנט צו זיין בעט. ער האט זיך געאיילט וואשן זיינע הענט און אויפהייבן, שוין אין די סקונדע וואס ער האט צוגעלייגט די סעלפאון נאנט צו זיין אויער האט ער פארשטאנען אז עפעס איז נישט אין ארדענונג.

פון די אנדערע זייט האט זיך געהערט די דערשראקענע שטימע פון איליה, דער נאכט-וועכטער פון די פאבריק, וואס האט זיך געבעטן ער זאל שנעל קומען אין פאבריק. "איך האב שוין באשטעלט די 'פייער-לעשער'", האט איליה אנגעיאגט זאגן בעפאר ער האט אראפ געלייגט דעם טעלעפאון.

מיכאל האט גענומען די שליסלען און זיך געאיילט צו זיין אויטא, פונדערווייטנ'ס האט ער שוין געשמעקט די פייער-גערוך, די פאבריק וואס ער האט אויפגעבויעט מיט זיינע צען פינגער'ס אין לויף פון די לעצטע פופצן יאר, האט יעצט געפלאקערט.

מיכאל האט געקוקט צו די רויעך-וואלקענעס, די פייער וואס ווי עס זעט אויס האט שוין פארברענט דעם גרויסן זאל, האט יעצט אנגעהויבן אפברענען די ריזן סטארידזש וואס איז געווען פול מיט האלצערנע מעבל וואס נארוואס יעצט פארענדיגט געווארן שטייענדיג גרייט צו פארקויפן פאר די געשעפטן.

עס איז נאך געווען וואס צו ראטעווען און מיכאל וואס איז געשטאנען מאכטלאז האט נישט פארשטאנען פארוואס די 'פייער-לעשער' זענען נאכנישט געקומען, לויט זיין רעכענונג איז שוין אדורך פופצן מינוט פון ווען מ'האט זיי גערופן, די סטאנציע איז גאנץ נאנט, און וואס האלט זיי אפ פון קומען?!

ער האט שנעל געקליגען צו די סטאנציע, און א פארשלאפענע שטימע האט אויפגעהויבן, נאך עטליכע קלינגען, "אהה, דו ביזסט דער פון די מעבל? וואיי, אונז זעמיר שוין ביי דיר...", מיכאל האט נישט געגלייבט, דער מענטש איז פשוט איינגעשלאפן, פונקט אין די קריטישע מינוט.

פינף מינוט זענען אדורך, און פון די עק גאס האט ער געזען דער ערשטער פון די שיירא פייער-לעשער'ס קומט אן, די פייער-לעשער'ס, געניטע אין זייער פאך, זענען באלד אריינגעלאפן אין דעם ברענענדיגן פאבריק, די ריזיגע פייער איז אויסגעלאשן געווארן נאך עטליכע מינוט, אבער פאר מיכאל איז עס שוין געווען שפעט. צו שפעט.

די סטארידזט, מיט די גאנצע אינהאלט, איז פארברענט געווארן, און די ביסל סחורה וואס איז איבערגעבליבן, איז געווען אנגעזאפט מיט שווארצע וואסער, נישט צום נוצן.

"אויב וואלטן ענק געקומען צייטליך וואלטן ענק געקענט ראטעווען די סטארידזט" - האט זיך געהערט די ווערטער פון די צובראכענע שטימע פון מיכאל, אין די שמועס מיט די פייער-לעשער'ס, נאך די שווערע געשעהניש. אבער זיי האבן געענטפערט טרוקענערהייט: "א פארשפעטיגונג פון עטליכע מינוט איז נישט א פארשפעטיגונג לויט די געזעץ, אבי מיר זענען אנגעקומען...".

מיכאל איז שטיל געשוויגן, די טענה איז אים באקאנט געווען, און האט באשלאסן שווייגן.

די ווייטאג איז געווען גרויס, די שאדן איז געווען אומגעהויער, מיכאל האט נישט פארמאכט א אויג יענע גאנצע נאכט. אינדערפריה, צען מינוט פאר זיבן איז ער שוין געשטאנען אויף זיין פלאץ אין שול, ווען ער איז אנגעטון מיט טלית און תפילין, גרייט אנהייבן דאווענען.

די פייער האט אים געלערנט א ווייטאגליכע לעקציע וואס ער וועט נישט פארגעסן, דער גרויסער אונטערשייד פון קומען אין צייט, און שפעטיגן 'נאר' פינף מינוט...'

'יתגבר כארי' עמ' נד

shay עיצובים

ט' תשרי - ערב יו"כ

# נקדישך

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה**
פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

## איך בין שוין נזהר אין אלעמען, וואס נאך קען איך מוסיף זיין?

שלום וברכה לכבוד מפעל קרן תוס' יו"ט הע"י.

אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן מיט מורא מקדש, וויל איך מיטטיילן מיין פערזענליכע ערפארונג און חיזוק וואס איך האב ארויסגענומען אין דעם יעצטיגן שווערע תקופה פון נעילת שערים.

בחסדי ה' האט מיין חשובע טאטע שליט"א עמו"ש שטארק ארייגעבאקן אין די קינדער די ענין פון מורא מקדש, דאס איז געווען ווען עס האט פאסירט א אויפטרייסלענדע פאסירונג אין ביהמ"ד, מיר קינדער פלעגן שטיין ביים ליינען אויף די טרעפ פון ארון קודש, און מען האט אויסגעהערט קריאת התורה, אזוי איז געווען איינגעפירט אין אונזער שול.

איינמאל האט זיך געמאכט אז אינמיטן ליינען ווען צענדליגער קינדער זענען געשטאנען מיט די חומשים ביים ארון קודש, איז מיטאמאל אראפגעפאלן א ריזיגער שטיק מארמאר-שטיין פונעם ארון קודש, בחסדי ה' און מיט ניסי ניסים איז עס געפאלן צווישן די קעפ, א האר אפגערוקט פון די דערנעבנדע קינדער.

די שאק אין ביהמ"ד איז געווען אומגעהויער, מיין טאטע שליט"א האט דאס אנגענומען אלס רמז פון הימל אז מען דארף זיך פארבעסערן אין מורא מקדש, און דאן נאך אלס קליינע קינדער, האט ער אונז געשטעלט פאר מורא מקדש גבאים, מעורר צו זיין צווישן די קינדער ווען מען זעט שמועסן ח"ו ביים ליינען.

דער חינוך איז מיר געבליבן איינגעבאקן ב"ה, און לאנגע יארן פלעג איך טוען וואס נאר מעגליך צו מעורר זיין אידן בדרכי נועם מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען, פארשטייט זיך אז עס איז געווען ביטער שווער און האט געקאסט אסאך אסאך עגמת נפש און ווייטאג. דאס אלעס איז געווען ביז עס האט זיך אנגעהויבן די 'קרן תוס' יו"ט' עפאכע, ווען צוביסלעך איז געווארן א דבר פשוט מאד, פאר יעדן פון וועלכן שטאנד מען איז נאר, אז רעדן ביים דאווענען קומט נישט אין באטראכט! דאס האט מורא'דיג פארגרינגערט די ארבעט, און ב"ה מען קען דאווענען צום אייבערשטן ווי עס פאסט.

אין די יעצטיגע תקופה ווען די בתי מדרשים זענען געווען פארשפארט, האב איך מיר שטארק געוואלט עפעס פארנעמען אין דעם ענין, אבער איך האב נישט געקענט מחליט זיין וואס, רעדן רעד איך דאך ממילא נישט, ליינען גליונות ביים דאווענען האב איך שוין לאנג אויפגעהערט, מעורר זיין אנדערע טוה איך דאך ממילא, וואס נאך?

דאן האט השי"ת ארייגעבליצט אין מיר א געדאנק, וואס איך האב אמאל געהערט ביי א שיעור פו א חשוב'ער רב, וואס האט איבערגעזאגט פון הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל אז דאס וואס עס שטייט אז מען טאר נישט רעדן אין ביהמ"ד אפילו שלא בשעת התפילה, מיינט אז מען טאר נישט מאכן קיין קופקעס אין ביהמ"ד, כאטש עס האט נישט קיין דין בית הכנסת, אבער קופקעס איז נאכאלץ בזיון בית המדרש.

דא האב איך מיר געכאפט! איך פלעג אפטמאל נאכ'ן דאווענען 'משלים זיין' פארשידענע שמועסן און נייעסלעך פון די וואך אין ביהמ"ד, טאקע נישט קיין לשון הרע וכדומה, אבער מען פלעגט פארברענגען אין א קופקע, ב"ה איך האב געמאכט די קבלה בל"נ נישט צו רעדן אין א קופקע אין ביהמ"ד אפילו שלא בשעת התפילה.

איך ווייס נישט צו דאס איז למעשה א איסור להלכה אדער נאר א זהירות, אבער אזויפיל קען איך נאר זאגן: טעמו וראו! פראבירט עס אויס וועט איר זען, די גאנצע דאווענען באקומט א צווייטן טעם, מען קומט אריין אין ביהמ"ד פילט מען ווי מען קומט אריין צום מלך, מען גייט יעצט רעדן צו

המשך אויף עמוד ב'

## זה אל זה שואלים

שאלות ותשובות, עצות והדרכה, וואס ווערן געפרעגט און געענטפערט דורכן ציבור

### א ווארט פונעם מערכת:

בחסדי ה' האט די נייע קאלום גאר שטארק אויפגעכאפט ביים ציבור, די שאלה וואס איז געשטעלט געווארן דעם פארגאנגענע וואך האט געברענגט א פלייץ פון תשובות. וואס מיר וועלן בעז"ה פארעפענטליכן אין לויף פון די קומענדיגע וואכן איידער מיר וועלן ממשיך זיין צום קומענדיגע שאלה. - אנצופרעגן שאלות להלכה, עצות והדרכה, חיזוק וידיעות, בעניני קדושת בית המדרש והמסתעף, אדער צו ענטפערן א תשובה און מיטיילן פונעם פערזענליכע ערפארונג. ביטע זיך פארבינדן מיטן מערכת, וזכות הרבים תלוי בכם.

### די שאלה פון פ' בהעלותך אין קורצן:

**מאנכע מענטשן זענען נישט רואיג אינגאנצען אויסצולעשן דעם סעלפאן אלץ מורא אז זיי וועלן פארפאסן טעלפאן קאלס,ווידער, אויב שטעלט מען עס אהן אויף סיילענט, קען מען צומאל פון געוואוינהייט ארויסנעמען דעם סעלפאן בשעת'ן דאווענען זעהן אויב איינער האט גערופן, וואס דער פראקטישע עצה אז מ'זאל בכלל נישט געשטערט צו ווערן בשעת'ן דאווענען, שטייענדיג פאר'ן בורא כל עולמים?**

## דעת הקהל

### ערפארונג פון א בעל תפלה

ווען די בתי מדרשים זענען געווען פארשפארט, האב איך מקבל געווען בל"נ צו מאכן מיין טעלעפאן אויף סיילענט בשעת'ן דאווענען,

איך בין אין די יאר נאך איינע פון מיינע עלטערן ל"ע, איך דאווען פאר'ן עמוד, און איך פלעג נוצן מיין טעלעפאן פאר א זייגער צו קענען האלטן די זמני התפילה. איין טאג איז מיין סעלפאן געליגן אויפ'ן טיש, האט אנגעהויבן דריזלען הויך אינמיטן חזרת הש"ץ. זינט דאן האב איך מיר איינגעהאנדלט א זייגער מיוחד לתפילה. (אפשר וואלט מען געדארפט לייגן א זייגער אויף אלע עמודים.)

ובעצם, דאס לייגן דעם טעלעפאן אויף 'סיילענט', איז נישט א דבר השוה לכל

המשך אויף עמוד ב'

באשעפער, די רואיגקייט און מתיקות איז אין לשער!

דאס האט מיר דערמאנט די באקאנטע ווערטער פונעם בעל התניא אין זיין בריוו (אגרת הקודש פכ"ג): ו**ע"כ רע בעיני המעשה אשר נעשה תחת השמש בכלל ובפרט בין אחיי ורעיי הנגשים אל ה' הגשה זו תפלה ואחר התפלה או לפניה נעשה מושב לצים ר"ל כמו שארז"ל שנים שיושבין ואין ביניהם ד"ת כו' ואם נעשה מושב לצים בעשרה דשכינתא שריא עלייהו אין לך עלבונא וקלנא דשכינתא גדול מזה רחמנא ליצלן ואם אמרו רז"ל על העובר עבירה בסתר שדוחק רגלי השכינה ח"ו העובר עבירה ברבים דוחק כל שיעור קומה של יוצר בראשית כביכול כמ"ש רז"ל אין אני והוא וכו' אלא שמלך אסור ברהטים כו'.**

חוץ פון דעם איז דא די פשוט'ע געפיל ווי ער שרייבט דארט (פרק כ"ד): **מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא שדרך המלך להיות חביון עוזו בחדרי חדרים וכמה שומרים על הפתחים (עד) אשר כמה וכמה מצפים ימים ושנים לראות עוזו וכבודו וכשעלה רצונו להתגלות לכל והעביר קול בכל מלכותו להקהל ולעמוד לפניו להראותם כבוד מלכותו ויקר תפארת גדולתו מי שעומד לפניו ואינו חושש לראותו ומתעסק בצרכיו כמה גרוע וסכל ופתי הוא ונמשל כבהמות נדמה בעיני כל הבריות וגם הוא בזיון המלך בהראותו לפניו שאינו ספון בעיניו לקבל נחת ושעשועים מהביט אל כבודו ויפיו יותר מעסק צרכיו וגם הוא מתחייב בנפשו למלך על הראות קלונו ובזיונו את המלך לעין כל רואה וע"ז נאמר וכסילים מרים קלון כלומר אף שהוא כסיל לא יהי' מרים קלון שיהי' נראה הקלון לעין כל. וע"כ קבעו חז"ל בתפלה כאלו עומד לפני המלך עכ"פ יהי' מראה בעצמו כאלו עומד כו' לעין כל רואה בעיני בשר אל מעשיו ודיבוריו אף שאין לו מחשבה לכסיל וע"ז הענין נתקן כל התפלות למתבונן בהם היטב.** דאס מיינט אז אפילו אויב מען קען נישט דאווענען מיט כוונה, כאטש אויסערליך זאל מען ווייזן א הכנעה און זיך אויפפירן ווי מען שטייט פאר א קעניג.

חוץ מזה האב איך באמערקט אז עס ברענגט אויטאמאטיש א התעוררות אין די חינוך פון די קינדער, ווען נאכ'ן דאווענען פארציילן זיי די איבערלעבענישן און דער טאטע זאגט: "לאמיר נישט שמועסן אין ביהמ"ד, עס איז א הייליגע פלאץ, בעסער וועלן מיר רעדן אינדרויסן", דאס ברענגט אין זיי א אומדירעקטע שעצונג און כבוד פאר די גאנצע באגריף פון תפילה!

אדרבה פראבירט עס אויס און איבערצייגט אייך אליינס!

בכבוד רב

ש.ב.

נפש, זייער פיל אידן האבן א געוואוינהייט צו קוקן יעדע צען-פופצן מינוט אויפ'ן סעלפאן, און ווען מ'זעט א מיס"ט קאל, איז מען שוין מער נישט אינגאנצן ביים דאווענען. ווער רעדט נאך אויב נאך שטילע שמו"ע האט מען א נסיון צו הערן א וואויס-מעיל. דער וואס רירט עס טאקע נישט אן מתחלה ועד סוף, איז עס אפשר א גוטע עצה.

עס איז דא א צווייטע עצה פון מאכן דעם סעלפאן אויף "עראפלאן מאו"ד", מ'דארף נישט אויסלעשן און אנצינדן דעם סעלפאן, און מ'קען בכלל נישט געשטערט ווערן. און לגבי די וואס פארגעסן עס אויסצולעשן, אויף דעם דארף מען נעמען פערציג טעג, אזוויווי הרה"ק רבי ר' אלימלך זאגט, און מאכן דערפון א געוואוינהייט, אזוויווי ווען מ'קומט אריין אין שוהל גייט מען אויטאמאטיש צו צום סינק וואשן די הענט, אזוי זאל ווערן דער הרגל מיט'ן סעלפאן.

מ'דארף זוכן עצות צו דערמאנען דעם ציבור נישט צו פארגעסן אויסצולעשן דעם סעלפאן פאר'ן דאווענען. אפשר זאל מען מאכן ריזיגע סיינס אויף די טירן צו דערמאנען דעם עולם. (-)

## איינשטעלן לאקער'ס אין די בתי מדרשים

א פראקטישע עצה, געאייגנט פאר איינער וואס האט א קעסטל (לאקער) אינעם ביהמ"ד, קען ער דאס איבערלאזן אינעם קעסטל ביים דאווענען, און דאן וועט ער נאכ'ן דאווענען קענען רואיג זעהן ווער ס'האט איהם געזוכט, ווי אויך וועט ער נישט האבן דעם נסיון ביים דאווענען אריינצוקוקן דערין, ווייל ס'וועט נישט זיין נעבן איהם. ווי אויך אויב איינער גייט אהיים טעגליך נאכ'ן דאווענען קען ער דאס רואיג איבערלאזן אינדערהיים, און תיכף נאכן דאווענען וועט ער אלעס קענען מיטהאלטן כנ"ל.

(-)

## אוועקלייגן אויך ביים לערנען

ייש"כ פאר די חיזוק אין די ענינים, דער זאך דארף חיזוק ביי זייער פיל אידן. עס פאסט באמת נישט אז בשעת מ'האלט אינמיטן פסוקי דזמרה זאל מען הערן א טעלעפאן קלינגט, און אודאי נישט אינמיטן שטילע שמו"ע, עס איז ממש א שטער פאר אלע מתפללים און א בזיון גדול פאר'ן דאווענען.

כ'האלט אבער אז 'תורה' און 'תפילה' זענען נישט אינעם זעלבן מדריגה, כ'ווייס נישט אויב דער המון עם איז שוין גרייט אוועקצולייגן דעם סעלפאן בשעת'ן שיעור. (בדרך אגב, א בעל הבית האט מיר געזאגט, אז ער הייבט נישט אויף קיין טעלעפאן בשעת'ן לערנען, אויב עס מאכט זיך אז ער ווארט אז איינער זאל אים רופן, און ער מוז אויפהייבן, בעט ער זיין חברותא זאל אויפהייבן און זאגן אז ער לערנט יעצט, און ער וועט צוריקרופן נאכ'ן לערנען, אזוי קען זיך דער שמועס נישט פארציען). אפשר נאכ'ן גוט אויפקלערן דעם ציבור, וועט ווערן א נארמאלע זאך אז דער סעלפאן קומט בכלל נישט אריין אין שוהל!

חילכם לאורייתא (-)

## ביים עושר אין שטוב

כ'האב איבערגעגעבן אין שטוב, אז כ'האב שוין בל"נ נישט מיין טעלעפאן ביים דאווענען, אויב איך הייב נישט אויף זאל מען זיך נישט זארגן, ס'איז אויף גוטע סיבות.

כ'האב פונקט נעכטן געהערט פון דעם מגיד מישרים ר' פישל שעכטער שי', ווי ער לייגט אראפ ווי איינער קומט צו אן עושר און לייגט אראפ זיין שווערע מצב, ווי ער מוטשעט זיך אזוי שטארק. דער עושר ווערט איבערגענומען און ער בעט דעם איד זיין אדרעס, ווייל ער וויל אים אריינשיקן א שיינעם סכום, און בשעת'ן רעדן דריזלט זיין טעלעפאן, און אנשטאט ענטפערן פאר'ן עושר וואו ער וואוינט, הייבט ער אויף דעם טעלעפאן אונטערן טיש און רעדט צו יענעם. ס'איז זיכער אז דעם עושר געפעלט נישט זיין התנהגות, ער גיבט אים א צוואנציגער און זיי מיר געזונט.

ווען מיר קומען רעדן צום באשעפער, פאסט צו ווייזן פון פריער, אז מ'לעשט עס אויס, אדער מ'ברענגט עס בכלל נישט אריין, און אזוי וועלן מיר פועל'ן אלעס גוט. - י. ב.

## עס האט מיר גארנישט געשאדט!

כ'האב ב"ה די זכיה שוין פאר לאנגע יארן צו גיין נאך צדקה פאר די מוסדות הק', און דער מהלך פון טרעפן מענטשן, איז נאר דורכ'ן סעלפאן. דאך ווייס איך ביי מיר, אז אין בית המדרש קומט עס נישט אריין, עס בלייבט ליגן אין קאר. ווען איך קום ארויס און כ'זע אז איינער האט מיר גערופן, פראביר איך צוריקצורופן.

בשעת איך גיי נאך געלט, בלייבט עס אויך אין קאר. שטעלט זיך פאר אז איך קום אריין צום בעל צדקה, איך שמועס מיט אים געשמאק, און פראביר צו ווערן היימיש, און פלוצלינג קלינגט מיין טעלעפאן, אפילו איך רעד נאר א האלבע מינוט, פארלירט עס די רעספעקט, ער זעט אז איך בין נישט דא מיט אים.

מיין משפחה ווייסט שוין, אז אויב איך הייב נישט אויף, מיינט עס, אז אדער בין איך בית המדרש, אדער זיץ איך ביי איינעם נאך געלט, און ווען איך וועל האבן די געלעגנהייט, וועל איך צוריקרופן.

דורכאויס די יארן האב איך ב"ה שוין געשאפן אלפי אלפים (ליין מיליאנען!), און ב"ה עס האט מיר גארנישט געשאדט פאר מיין עסקנות בצרכי ציבור. פון טון וואס איז ריכטיג, דערלייגט מען גארנישט!

**יעקב שפירא**

מגבאי בית המדרש הגדול דשיכון סקווירא

## אז מען וויל העלפט דער אייבישטער

כ'האב ב"ה די זכיה שוין פאר לאנגע יארן עוסק צו זיין אין "חסד", אבער איך ברענג בל"נ נישט אריין מיין סעלפאן אין בית המדרש בכלל, נישט ביים לערנען און נישט ביים דאווענען (אז מ'דארף אמאל רופן איינעם וויכטיג, א חברותא וכדו', קען מען ארויסגיין אין פאליש און בארגן א סעלפאן).

אמאל מאכן זיך טאקע עמערדזשענסי"ס, מ'דארף וויכטיג טרעפן א קאר פאר א חולה, אדער אנדערע וויכטיגע זאכן, אבער זעט אויס, אז ווען מ'וויל טון וואס איז ריכטיג, העלפט דער באשעפער אז אלעס שטעלט זיך אין פלאץ.

הצלחה אין די הייליגע ארבעט

**שלום פסח גרינבערג**

יו"ר ארגון 'חסד 7\24

# באריכטן פון די פעולות נשגבות בקרב קהלות קדושות בישראל זיך צו מחזק בקדושת בית ה' נאָכ'ן זיך צוריקקערן צו די בתי כנסיות ובתי מדרשות

## ק"ק באבוב 45

### דברי הדרכה והתעוררות ליל שב"ק

תלמידי וחסידי באבוב-45 זענען אונטער דער השפעה פון די דברות קודש מלהבות אש וואס מ'האט זוכה געווען צו הערן פון כ"ק אדמו"ר מבאבוב-45 שליט"א דעם פארלאפענעם ליל שב"ק נשא-ב', דער ערשטער שבת ווען די שערי ביהמ"ד הגדול זענען בחסדי ה' צוריק געעפנט געוואָרן.

עש"ק נאך מנחה איז דער רבי שליט"א ארויף צום ארון הקודש מעוטף בטליתו און משמיע געווען שטאַרקע דברי התעוררות איבער דעם חיוב זיך מחזק צו זיין בקדושת ביהמ"ד. בקול חוצב האָט דער רבי שליט"א אויסגעשריגן: "לאמיר אריינקומען אין ביהמ"ד מיט איין כוונה, נאר צו דאווענען! גלייך אנהייבן דאווענען און זיך אויסגיסן דאס הארץ לפני אדון כל!"

ווייטער האט דער רבי שליט"א מעורר געווען איבער'ן ענין פון זיך שטעלן גלייך דאווענען, תפלה כסדרן, כונת התפלה, תפלה בקול רם, תפלה בציבור, און בעיקר נישט רעדן ביים דאווענען, נאָכזאָגנדיג רשפי אש איבער דעם ענין פון תפלה מספרי קודש מרבוה"ק זי"ע.

ביי שלש סעודות האט דער רבי שליט"א ווידעראמאל גערעדט איבער דעם ענין, און ארויסגעברענגט אז מ'זאל געדענקען אז דאס איז סיי שבת און סיי וואכן. יעדער זאָל זיך קובע זיין א פלאץ וואו ער דאווענט, און נישט אויסרעדן מרישא ועד גמירא און אריינליגן כח אין כונה.

לאור די שוואונג פון תפלה התעוררות צווישן ציבור, האט די "חנות תשמישי קדושה" שע"י הקהלה געמאלדן אז מ'וועט צושטעלן א ספעציעלע הנחה פאר סידורים מיט פירושים אויף לשה"ק און אידיש טייטש, צו פאַרשטאַרקן דעם כח התפלה בכוונה בקרב קהלא קדישא הדין. בואו שעריו בתודה חצרותיו בתהלה.

## ק"ק וויזניץ מאנסי

### גרויסער עצרת בעניני תפלה

א גרויסאַרטיגער עצרת אויף "חיזוק והתעוררות בעניני תפלה" איז פאָרגעקומען דעם פארלאפענעם א' במדבר ר"ח סיון, אויפ'ן פערזענליכן קריאת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א, דורך אַ לייוו טעלעפאָנישן הוקאפּ.




גדולי הרבנים שליט"א האבן אויפגעטרעטן, ובתוכם הגאון רבי אהרן שיף שליט"א גאב"ד אַנטווערפּען, וועלכער האט בקול חוצב אויסגעשריגן אז "עס איז ברור אז ווען קדושת בית המדרש וואלט געווען ווי עס דארף צו זיין, וואלט עס קיינמאל נישט געקומען צו אַזאַ מצב אַז בתי מדרשים זאָלן פאַרשלאָסן ווערן"!

אַ גאָלדענע אימרא האָט דער רב שליט"א געזאָגט: "מיר גייען נישט יעצט 'צוריק' אין ביהמ"ד - נאָר מיר הייבן אָן פונדאָסניי!!! יעדער ביהמ"ד ווערט יעצט צוריק געבויעט, מיט נייע יסודות, נייע קבלות, אַז מיר גייען מער נישט רעדן ביים דאַווענען"!

כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א האָט דאַן שטאַרק מעורר געווען בקדושת התפלה, און געבעטן יעדן זאָל זיך פאָרנעמען קבלות טובות אָפּצוהיטן דעם כח התפלה.

### מכתב מיוחד פון הגאון רבי חיים קנייבסקי שליט"א נישט אריינצוברענגן טעלעפאנען אין בתי מדרשים


הרב ש. י. חיים קניבסקי
שכון חזון איש, בני ברק

בס"ד כ"ד אייר לי"ט למטמונים תש"פ

אל כבוד הרבנים הגאונים וגבאי בתי כנסיות שבכל אתר ואתר, ה' עליהם יחיו

הנה בעוונותינו הרבים כבר כמה שבועות שנגרשנו מבתי כנסיות ובתי מדרשות כעבד שבא למזוג כוס לרבו ושפך לו קיתון על פניו, ונראה שזהו אות מן השמים בעוון שמזלזלים בקדושת ביהכנ"ס בזה שבשעה שמתפללים הפלאפונים פתוחים ומדברים בהם והוי זלזול גדול בתפילה ובקדושת ביהכנ"ס שלא שערום אבותינו מעולם והוא נגד ההלכה בשו"ע או"ח קנ"א ובזוה"ק ויקהל דף ר"ה ב' איתא דברים נוראים בזה.

ולכן יש לתקן תקנה קבועה שאיסור חמור להכנס לביהכנ"ס להתפלל עם פלאפון שאינו כבוי וכל זמן התפילה הוא מנותק, ועל הגבאים מוטל האחריות להזהר ולהזהיר בזה חק ולא יעבור.

גם מן הראוי כשנזכה במהרה לחזור לבכנ"ס שהרבני ביהכנ"ס יחזקו ויעוררו ויאמרו דברי חיזוק בגודל האיסור החמור בזלזול קדושת בתי כנסיות ובתי מדרשות.

ובזכות שנקבל ע"ע דברים אלו יחזירנו המקום במהרה לעבודתו בבתי כנסיות ובתי מדרשות ברוב עם ויקבל תפלתינו באהבה וברצון.

חיים קניבסקי

כמו כן יש ליזהר מלדבר דברים בטלים בבית הכנסת

[illegible]

אין א ספעציעלע בריוו האט דער שר התורה, הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א, גערופן דעם ציבור לאור דעם יעצטיגן מצב אין וועלכן מ'איז ליידער געווען אויסגעשפאַרט פון די בתי מדרשים צו מחזק זיין זיין א פריערדיגע תקנה, נישט אריינגיין אינעם בית-המדרש מיט די טעלעפאנען צום דאווענען. דער מכתב האט געלאָזט אַן אויסטערלישן אָפּקלאַנג איבער דעם גאַנצן עולם התורה.

דער גאון שליט"א שרייבט אין דעם בריוו: "און עס זעט אויס אז דאס איז א צייכן פון הימל איבער די זינד וואס מ'איז מזלזל אין די קדושת בית הכנסת, מיט דעם וואס בשעת וואס מ'דאווענט זענען די סעלפאונס אפן און מ'רעדט אין זיי, און דאס איז א גרויסער זלזול אינעם דאווענען און אין די קדושה פון א ביהמ"ד, וואס אונזערע עלטערן האבן זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז אזוינס וועט אמאל זיין."

### ספעציעלן כרוז פון גדולי הרבנים פון פארשידענע קרייזן


ערב שבת קודש פ' במדבר, מ"ג למיטמונים, תש"פ

קריאת קודש מאת מועצות גדולי התורה ומקדשי תיראו

בעוונותינו הרבים זה למעלה מב' חדשים שנגזר עלינו לסגור דלתי בתי כנסיות ובתי מדרשות ולגלות להתפלל וללמוד באופן עראי. ועתה, ברחמיו המרובים של הבורא ית' אנו זוכים לשוב להתפלל וללמוד בבית מקדש מעט. עדיין לא בשלמות ותחת הגבלות, אבל ב"ה מתחילים לשוב. ועל כן, מתוך הודיה להשי"ת, חובתנו לשנת הזאת לנקן בדקי העבר, לחקור דרכינו ולפשפש במעשינו על מה עשה ה' זאת לנו, כאמרם ז"ל (ברכות ח).

והנה צורך גדול לתקן ולחזק גדרי שמירת קדושת בית הכנסת, ובראש ובראשונה לעורר ולהתעורר על חובת הזהירות מלדבר דברים בטלים בבית הכנסת, כדאיתא בשו"ע או"ח קנ"א, דיני קדושת בית הכנסת. ומי יודע אם לא בשלנו הסער הגדול הזה.

זאת ועוד, לדאבון כל לב, נמצאת רעה חולה, שיש מי שמחזיק בזמן התפילה והלימוד מכשיר פלאפון דלוק, אשר גורם בזה להוציא עצמו מתוך בית הכנסת בעת עמדו לפני המלך, ועוונו גדול מנשוא רח"ל כדאיתא בזוה"ק.

ועל כן, קוראים אנו אל אחב"י בקהילות הקודש די בכל אתר ואתר, בעת שחוזרים אנו להתפלל וללמוד בבתי כנסיות, ובבתי מדרשות, לחזק הגדר שלא לדבר דיבורים בטלים בבית הכנסת ובבית המדרש, ולתקן תקנה קבועה שאיסור חמור הוא להחזיק פלאפון שאינו כבוי בכל זמן התפילה והלימוד, ורבני הקהילות והגבאים בכל מקום יזהירו את הציבור על כך, (ומי שבידם, יראו לתקן מקום מיוחד להניח הפלאפונים קודם התפילה).

ובזכות הזהירות בבתי מקדש מעט ירחם עלינו הבורא ית', שנזכה למי שברך, שתיקן בעל התוי"ט, שכל מי ששומר פיו ולשונו בעת התפילה וקריאת התורה, הקב"ה ישמרהו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורה ובנביאים ובכתובים, ויזכה לראות בנים חיים וקיימים לתורה ולחופה ומעשים טובים, ויעבוד את ה' אלוקינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן. ונזכה במהרה לישועה וגאולה שלימה בבניין בית תפארתנו אכי"ר.

מועצת גדולי התורה

אגודת ישראל | דגל התורה

מועצת חכמי התורה

אין די לעצטערע וואכן האָט איבער גאנץ ארה"ק שטארק אפּגעקלונגען דער "כרוז" פון די גדולי הרבנים שליט"א פון אלע קרייזן, פון די מועצות גדולי התורה, סיי פון די חסידי'שע קרייזן, סיי פון די ליטווישע קרייזן, סיי פון די ספרד'ישע קרייזן, וואו זיי זענען מעורר אידישע הערצער, אז אצינד ביים צוריקגיין אין ביהמ"ד זאל מען זיך מתקן זיין בענין מורא מקדש אין אכטונג געבן נישט צו רעדן ביים דאווענען און נישט אַריינצוברענגען אַן אָנגעצונדענעם סעלפאון אין ביהמ"ד.




אין די נאכפאלגעדע טעג איז פאָרגעקומען אַ מאַסיווע קבלה-דרייוו, ווען המוני תלמידי וחסידי וויזניץ האָבן כאיש אחד בלב אחד אונטערגעשריבן די הייליגע קבלות וואָס מ'האָט מעורר געווען ביים עצרת.

ווי אויך איז איינגעשטעלט געווארן א ספעציעלער ליין צו קענען הערן די דרשות און נעמען אויף זיך די קבלות בקדושת התפלה, וואָס האָט אָנגעהויבן א פרישע תקופה בקרב ק"ק וויזניץ מאָנסי, און דאס התעוררות זעצט פאָר מיט אַ שטארקייט און געוואלדיגע התעוררות בקרב תלמידי וחסידי וויזניץ.

## ק"ק טשערנאביל ב"ב

### דרשה נלהבה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א

א גאר פייערדיגע דרשה איז געהערט געווארן פון כ"ק אדמו"ר מטשערנאביל שליט"א פון בני ברק, דעם פארלאפענעם ר"ח סיון תש"פ, לרגל די געלעגנהייט וואס מ'האט לעצטנס באנייעט דעם ביהמ"ד הגדול החדש אין ירושלים עיה"ק, און דער רבי שליט"א האט דערביי גאר שטארק מתריע געווען קעגן דאָס רעדן אין ביהמ"ד, ארויסברענגענדיג אז האי זמנא קא גרים, ווען מיר זענען ליידער פאַרטריבן געוואָרן פון די בתי מדרשים אַז מיר דאַרפן זיך מתבונן זיין מה ה' שואל מאתנו, און זיך מחזק זיין בקדושת בית ה'.

## ק"ק אלכסנדר

### מכתב קודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א

כ"ק אדמו"ר מאלכסנדר שליט"א האט ארויסגעגעבן א ספעציעלע 'מכתב קודש' פאר די חסידים, וואו דער רבי שליט"א טוט מעורר זיין איבער קדושת ביהמ"ד און טוט אויפפאדערן אויסצולעשן די סעלפאָונס איידער מ'קומט אריין אין ביהמ"ד. דער רבי שרייבט: "שמועה טובה תדשן עצם, שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, שבעזרת השי"ת נזכה שוב להיקהל ולעמוד על נפשנו כמקדמת דנא, לעבוד את ה' בעבודת התפילה בבתי כנסיות ובתי מדרשות ובבתי החסידים תמידים כסדרם, כאיש אחד בלב אחד".

דערנאָך טוט דער רבי שליט"א מרחיב הדיבור זיין בכלל וועגן דעם ענין פון קדושת ביהמ"ד און דאָס האָבן אַ ריכטיגן "כובד ראש" בשעת'ן דאווענען, און דער רבי שליט"א טוט אויספירן מיט אַ הוראה הלכה למעשה: "לזאת יקבל כל אחד על עצמו בקבלה גמורה, שלא יכניס עצמו לכתחילה בנסיון זה, כי בכל רגע עלול זה להפריעו מלכוון לבו לשמים, אלא קודם התחלת התפילה יכבה אותו לגמרי, כדי שיוכל לעמוד להתפלל לפני קונו כראוי וכיאות".

(המשך פון די באריכטן וועלן נאכפאלגן בעז"ה)

# מתוך דברות קודש של כ"ק אדמו"ר **מוויזניץ-מאנסי** שליט"א

**ל"ג בעומר תש"פ, מאנסי יצ"ו**

**אפשר** וויל מען אז מיר זאלן נישט גיין דאווענען ביז מען זעהט טאקע אז מען האט משנה געווען דאס ענין ווי אזוי מען שטעלט זיך דאווענען, נישט נאר מקבל זיין נאר טאקע אויספירן למעשה, מ'וויל אז אונז זאלן זיך אונטערנעמען צו דאווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין, און אז מען וועט זעהן פון הימל אז ס'איז געווארן בעסער, דעמאלט וועט מען קענען עפענען די בתי מדרשים אז מ'זאל קענען דאווענען, ממילא מוז מען טאקע מתקן זיין די ענין פון תפלה.

**און** יעדער דארף זיך טאקע אליין מתבונן זיין וואס ער דארף משנה זיין. קודם טאקע די הכנה צו תפלה, צוגרייטן צום דאווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין, סיי מיט עשה טוב, מיט לימוד התורה, ווי דער טאטע ז"ל פלעגט דאס מעורר זיין, אז מען קען זיך נישט גיין שטעלן דאווענען אן לימוד התורה. און קדושת הדיבור, איידער מען גייט דאווענען זאל מען נישט רעדן קיין דברים בטלים, תשובה טוהן, זיך מכניע זיין, אזוי ווי עס שטייט אין חובת הלבבות אז מ'זאל זיך אויסטוהן אינגאנצן פון עוה"ז און עוה"ב, מען זאל פארגעסן פון די וועלט.

**אבער איין זאך וואס איז זיכער, אז מען וויל טאקע אז מען זאל קענען עפענען די טירן פון ביהמ"ד, זאל מען מקבל זיין אויף זיך, בכלל נישט אריין ברענגען קיין טעלעפאנען אין ביהמ"ד, - זיכער נישט קיין טריפה'נע - נאר אפילו כשר'ע געהעריגע מאושר'דיגע טעלעפאנען זאל מען נישט אריין ברענגען אין ביהמ"ד, מען זאל קענען טאקע דאווענען פארן אייבערשטען.**

**שויתי** ה' לנגדי תמיד, נישט אז מען זאל אויפהייבן די טעלעפאון און ענטפערן "איך רוף דיר באלד צוריק", צי מען גייט ארויס אינדרויסן שמועסן, צי מען הערט אויס די מעסעזשעס, צי מען ריטשארזשט די טעלעפאונס אין ביהמ"ד. מען דארף זיין אויסגעטוהן פון דעם, עכ"פ לכה"פ זאל מען עס אויסלעשן אינגאנצן. מען דארף זיך טאקע מקבל זיין אז די דאווענען זאל זיין בשלימות. אז מען קומט אריין אין ביהמ"ד.

**שטייט** מען פארן אייבערשטען און מען האט נישט אינזין עפעס אנדערש, און דאס דארף מען זיך יעצט מקבל זיין, ווייל מען זעהט דאך אז מען לאזט אונז נישט אריין. אז דער אייבערשטער וועט העלפן און מ'וועט זעהן אז מ'האט משנה געווען און מתקן געווען אז די תפילה איז ווי עס דארף צו זיין, האפט מען אז מען וועט עפענען גלייך די טירן, אז מען זאל קענען דאווענען און לערנען און דינען דעם אייבערשטן.

# מתוך דרשת הרה"ג רבי **פנחס שנעעבאלג** שליט"א

**ראש ישיבת וויזניץ לאנדאן יצ"ו**

## וואס דארפן זיך אידן מקבל זיין אין די טעג?

ווער בין איך צו זאגן מוסר, אבער אלע רבנים האבן שוין מעורר געווען דעם ענין פון כבוד ביהמ"ד. און מען זעהט דאך אז די בתי מדרשים זענען דאך פארמאכט געווארן - דאס קומט אונז צו מעורר זיין אויף דעם. אסאך גדולים האבן געזאגט פארצייטנס ווען ס'איז געווען גזירות אז דאס קומט ווייל מען געבט נישט אכטונג אויף כבוד ביהמ"ד.

פונעם הייליגן אמרי אמת האט מען נאכגעזאגט אז פארוואס האבן די ספרד'ישע אידן נישט געליטן ביים צווייטן וועלט מלחמה? ווייל זיי האבן אכטונג געגעבן אויף כבוד ביהמ"ד!

א איד איז געקומען צו **ר' אביגדור מיללער זצ"ל** מיט א געוויין אז מען האט געטראפן ביי איהם די ביטערע מחלה ל"ע. האט איהם ר' אביגדור געפרעגט: **אין די פלאץ וואו דו דאוונסט, רעדט מען ביים דאווענען?** ווען ער האט געענטפערט "יא", האט ער איהם געזאגט, **דעמאלטס קען איך דיר נישט העלפן.**

דער איד איז זיך אוועקגעגאנגען, און האט געהאט שכל און געטוישט א ביהמ"ד. פארשטייט זיך אז ער איז געגאנגען אין א פלאץ וואו מען רעדט נישט ביים דאווענען, און לפלא איז, אז ער איז וואונדערליך אויסגעהיילט געווארן. - מען זאגט נאך פונעם הייליגן סאטמארער רב זצ"ל אז ער האט מעיד געווען אויף ר' אביגדור מיללער אז ער האט א דעת תורה.

**ברכת מזל טוב** להרבני הנכבד מו"ה **אשר ישעי' הכהן קאהן** הי"ו **ראש הקהל מאנסטריטש ב"פ**, לרגל שמחת **נישואי בתו** למז"ט, ויה"ר שירווה רב נחת מכל יוצ"ח עם כל טוב וטב

פתח שערי שמים לתפילתינו
דער הערליכער ספר
וואס האט שוין געטוישט ביי טויזנטער אידן
דעם צוגאנג צו תפילה
ספר
**אני תפילה**


2 חלקים בלשון הקודש
אדער חלק א' אין אידיש
צו באקומען פאר אייער
בית מדרש \ ישיבה
רופט: 718-831-7220

וכולם מקבלים עליהם

**גאַנץ כלל ישראל איז מקבל די הייליגע קבלה נישט צו רעדן ביים דאַווענען און זייט זוכה צו די אומשאצבארע ברכות**

**מי שברך שיסד וחיבר מרן בעל תוספות יו"ט זי"ע**

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילּוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִּין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבִיאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוֹךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

**בשעת'ן דאַווענען, רעדן מיר בלויז צום רבוש"ע**

**נַקְדִּישָׁךְ**

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

צו באקומען דעם גליון אדער פאר הערות אדער
איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים,
רופט / פעקס / אימעיל צו די פאלגענדע:

Keren Tosfes Yom Tov
89 Throop Ave Brooklyn NY 11206
212.299.9185 212.244.6551 @ gilyon@kerentosfesyomtov.com

בעזרת השם יתברך

גליון
# קדושת בית המדרש
בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

**גליון סו**

שבת מברכים
**תמוז תש"פ**

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

## א געניצליך נייער שפראך...

דריי ברידער זענען זיי, די קליינע שטיינבערגער'ס, זיצנדיג איינער נעבן דעם אנדערן אין בית המדרש, און אלע נעבן דעם טאטן ר' שלמה.

מערסנטס פון די צייט זענען זייערע פנימ'ער און אויגן אריינגעשטעקט אין סידור אדער, בין הפרקים, אין א לייכטן ביכל. אמאל קוקן זיי זיך שטיל ארום אויף וואס קומט פאר אינעם גרויסן בית המדרש מיט אירע פילע מתפללים. רעדן? קיינמאל!

געסט וואס קומען צו אונזער בית המדרש מזמן לזמן, דריקן אויס זייער התפעלות איבער די וואויל-אויפפירנדע קינדער. די שטענדיגע ווידער, זענען שוין צוגעוואוינט. ר' שלמה (אלעס פיקטיווע נעמען) גיבט אליינס זייער אכטונג אויפן כבוד בית המדרש וכבוד התפלה און אזוי לערנט ער אויך שטענדיג זיינע קינדער: 'אין בית המדרש רעדט מען נישט!' פינטל.

א ריכטיגער חינוך.

דער זייגער, פונקט ווי דער קאלענדער, בלייבט נישט שטיין. די קינדער זענען געווארן בחורים און אנגעקומען צו דער סוגיא פון האיש מקדש. ווי כאילו נאטורליך, איז דער עלטערער חיים א חתן געווארן און אויפגעשטעלט זיין אייגענע שטוב על אדני התורה.

דער רייע איז אנגעקומען צום צווייטן - פנחס. זיין שידוך, און דערנאך חתונה, זענען פונקט ווי די פריערדיגע געפראוועט געווארן הערליך און פריילין און ער האט זיך אויך ארויסגעלאזט אויפן לאנגען וועג פון אויפבויען דורות, פלעכטן קייטן, פארן אידישן פאלק.

...

אסאך וואסער זענען דורכגעפלאסן דעם וייסל.

אין א טאג טרייסלט דער סעלפאן ביי פנחס אין קעשענע און ער דערקענט דעם נומער. עס איז הרב קלוגער.

"איך זע מער נישט קיין אפציעס..." זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער וועלכע ער האט שווערליך געקענט ארויפברענגען אויף זיינע ליפן, ווען ספאנטאן שפירט פנחס א קאלטער שווייס איבערן גאנצן קערפער.

שוין פון לאנג האט זיך דער שנה ראשונה געשלאסן ביי זיי, אבער פנחס האלט נאך פאר אלף.

בלויז עטליכע חדשים פון דער חתונה, איז אראפגעקומען דער אויסערליכע, שיין-אויסזענדע דעקאראציע. בייזע ווערים האבן אנגעהויבן קריכן ארום דער פערזענליכקייט פון די עקרת הבית.

שטעלט זיך ארויס אז מידות טובות און ותרנות זענען קיינמאל געווען פון די שטערקסטע מעלות פון דאס ווייבל, און פנחס'נס מסכת פון יסורים האבן זיך העפטיג אנגעהויבן. באליידיגונגען און קריטיק זענען געווארן זיינע פארציעס פאר אלע דריי סעודות, ווען די רעצעפטן ווערן כסדר שארפער און הייסער.

אין אנהויב, קלערנדיג אז עס איז בלויז א דורכגאנג, האט ער געליטן אין דער שטיל. נאך א שטיק צייט אבער, איז ער געקומען צו דער ביטערער אנערקענונג אז דאס איז די מענטש. אינעם מונדליכן שפראך רופט מען דאס: ארייגעפאלן!

ער האט אייגעזען אז פון זיך אליינס וועט זיך גארנישט טוישן אויסער דער קוואליטעט פון זיין אייגענעם לעבן.

ער מוז נעמען ערנסטע שריט. ער מוז בעטן הילף. אנווייזונג און ראט.

עס האט זיך אנגעהויבן א קאפיטל פון קלאפן אויף די טירן פון מומחים, ווען יעדער זוכט מיט די לעצטע כוחות אפצוראטעווען א אידישע שטוב פון אונטערגאנג.

די נייע רייזע אבער האט זיך, צום באדויערן, אויסגעשטעלט צו גיין אין קרייזן. יעדע פראבע האט, אין בעסטן פאל, געארבעט פאר א קורצע תקופה און דערנאך זיך אויסגעלאזט מיטן מפטירין כדאתמול. דאס האט געשאפן פנחס'נס פיינפולע שטראז פונעם מדריך צום טעראפיסט, פונעם רב צום פסיכאלאג, וחוזר חלילה.

דאס לעצטע איז ער אנגעקומען צום בארימטן רב

קלוגער. דער אדרעס וואו אלע רייסן זיך אנצוקומען. דער ספעציאליסט נעמט אויף וויניג קליענטן מיט גרויסע פרייזן. און מיט רעכט, ער לייגט זיך אריין גאר גרינטליך בעובי הקורה פון די מערסט-קאמפליצירטסטע פעלער.

פנחס אבער ווען איז אנגעקומען אהין, איז ער איבערהויפט נישט געווען צופרידן. די מיטמאכענישן פון די לעצטע תקופות האבן אים צוגערויבט דאס גאנצע אפטימיזם. ער האט זיך אריינגעשלעפט אין אפיס ווי מיט שטיינערנע פיס.

רב קלוגער האט צום ערשט געמוזט אנצידן דעם האפענונגס-פלאם ביי פנחס'ן אין הארץ. בלויז נאך וואס ער האט געשפירט אז ער האט באוויזן דאס אויפצוטון האט ער זיך געלאזט צום קומענדיגן פאזע: פארהיילן די וואונדן ביים פאר-פאלק.

גאר אינטענסיווע כוחות האט ער אריינגעלייגט מיטן ציל צוריקצוברענגען דער כמעט-פארגעסענע שלוה צווישן די ווענט פון דעם שטוב.

עס זענען געווען טעג מיט א בעסערן אויסקוק, און אנדערע מיט א גרויערן. ביי די ענדע איז אויך דער לעצטער געקומען צו דער וויטאגליכע באשלוס אז דער געוואונטשענע דעסטינאציע איז, צום באדויערן, צו ווייט. אסאך ווייטער ווי זיינע לאנג-אויסגעשטרעקטע הענט קענען דערגרייכן. מיט פארצווייפלונג האט ער זיי, זיינע ביידע הענט, געהויבן אין דער הייעך.

ער פון זיין זייט קען נישט ראטן מער ווי איבערצושניידן די בינדונגס-בענדלען, ה"י.

וועט דאס שרעקליכע פאסירן?

• • •

שוין א שטיקעלע צייט וואס פנחס טרעפט זיך טראכטן איבער זיין גלארנרייכן אמאל.

ניין, נישט וועגן זיין אמאליגער צופרידענער לעבן ביי זיך אין שטוב. פון דעם איז ער ניטאמאל מסיח דעת אויף א סעקונדע. די רעדע יעצט איז... קדושת בית המדרש!

די חינוך און זעלבסט-ביישפיל וואס זיין טייערע טאטע האט אים געלערנט האט געטליעט אין אים פאר לאנגע יארן. עס איז ביי אים געווען ווי א נאטור, אבער חז"ל זאגן שוין: הרבה חברים רעים עושים...

פון ווען דאס פארהייראטע לעבן האט אים געפירט צו א נייער בית המדרש, איז זיין קומען אין בית המדרש גענצליך אריבער צו זיין אייגענער האנט. עס האט געווארט בלויז אויף זיין אייגענער אויסוואל: וועט ער מכבד זיין דעם מלך'ס הויז, אדער חלילה זיך לאזן פארפירן פון דער אומפאראנטפארטליכע חברותא.

עס איז אים גאנץ שנעל קלאר געווארן דער בילד,

## "איך זע מער נישט קיין אפציעס..." זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער וועלכע ער האט שווערליך געקענט ארויפברענגען אויף זיינע ליפן, ווען ספאנטאן שפירט פנחס א קאלטער שווייס איבערן גאנצן קערפער.

אויב ער האט עס נישט געוואוסט פריער, אז נישט יעדער איינער פירט זיך מיט דעם זעלבן 'יש נוהגין' ווי ער. די חברים דא אין בית המדרש זעען אויס גאנץ אנטוזיאסטיש פון זייערע דעבאטעס ביים הינטערשטן טייל פון בית המדרש. און עס האט גערייצט.

צום ערשט בלויז אן אויער, דערנאך א נו, עה, אהם... נישט אויף צו-לאנג האט ער זיך געקענט פייניגן מיט דעם שטום-לשון און אונטערן באוואוסטזיין האט ער שוין געמאכט דעם טרויעריגן באשלוס: דער 'חומרא' איז נישט פאר מיר.

די שולד געפילן האבן אויך נישט אנגהאלטן צופיל לענגער און ענדליך איז ער פריי געווארן צו פלאפלען מיט אייפער און קאך גלייך ווי אלעמען.

ווען דער זון איז אונטערגעגאנגען אויף זיין האריזאנט און דער טינקלקייט פון די נאכט האט זיך געשטארקט פארפינסטערנדיג זיין לעבן, האט זיך פנחס דערמאנט פון די גוטע צייטן.

אומעטיג האט ער געטראכט: 'איך קען דא קופקען אינאיינעם מיט די חברה, אבער אין הארץ ווייס איך אז איך בין אזוי אנדערש ווי זיי. נאך אביסל וועט עס זיין דער טאגס-רעדע ווי מיין שטוב איז צעטראסקעט געווארן. דעמאלט וועל איך שטיין ביים קרעמל נאר כדי אז מען זאל נישט רעדן פון מיר...'

אפשר קען איך עס נאך פארמיידן?

פנחס האט הייס באשלאסן צוריקצוברענגען זיין אמאליגע התנהגות, מיטן האפענונג אז דער שומע תפלה זאל הערן זיין געוויין אים אפצושוינען פון דעם צרה צרורה.

זייענדיג אויפגעצויגן מיט דעם שטייגער איז דער שוועריגקייט געווען מינימאל. ער האט בלויז געמוזט דורכברעכן דעם אייז וואס האט זיך פארגליווערט איבער די קלארע וואסערן פון זיין הארץ. ווי-נאר ער זיך געשטארקט בלויז עטליכע מאל, זענען זיינע אמאליגע געוואוינהייטן צוריק לעבעדיג געווארן.

ער האט געטוישט זיין זיץ צום אנדערן זייט בית המדרש און גענומען דעם סידור פאר זיין קאמפאניע.

ער האט זיך געוואונדערט אויף זיך אליינס וויאזוי ער האט געקענט זיין אזוי נאכלעסיג.

• • •

די ענדע?

פשוט און פראסט: זי איז געווארן א נייע מענטש! כמעט אזוי גלאט ווי איר הערט עס.

אין יענע טעג ממש, נאך וואס אלע גרויסע און נאך-גרעסערע האבן אויפגעגעבן זייערע האפענונגען, איז א רוח טהרה אריין אין די אידענע. חרטה-געפילן האבן אנגעהויבן קלאפן אין איר הארץ און זי האט אנגעהויבן דראסטיש טוישן איר שווערער באנעמונג.

ווי-נאר ער האט זיך גענומען קאנטראלירן זיין אייגענעם מויל, איז דער געוואונטשענער שליטה אויך ארויף אויף איר'ס. זי האט באקומען א גענצליך נייער שפראך און זיך גענומען שווער הארעווען אויף אירע אומגינסטיגע מידות.

איר געטוישטע התנהגות האט באלד געכאפט די אויפמערקזאמקייט פון פנחס און אלע אנדערע אין די משפחה. זי האט זיך גענומען אים באהאנדלען מיט רעספעקט אין פארשטענדעניש. עווענטועל האט זי זיך אפן איבערגעגעבן מיט אים בעטנדיג מחילה אויף אלעס וואס איז פאריבער.

אומגלויבליך!

א נייע, ריינע און גלאטע בלאט האט זיך אנגעהויבן אין פנחס'נס צעשפליטערטע לעבן, מיט אן אויסקוק אויף א לאנגע, שטאנדהאפטיגע אחדות ושלום, לאורך ימים.

וואס האט דאס גע'פועל'ט? נישטא קיין ענטפער אויסער דאס איינע:

כי מכבדי - אכבד!

צו באקומען דעם גליון פאר אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער אינפאר־מאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבןווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון
מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!



# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**שלח**

## • לימוד מהפרשה

**וישלח אתם משה ממדבר פארן על פי ה׳ כלם אנשים ראשי בני ישראל המה**

**אלה שמות האנשים אשר שלח משה לתור את הארץ ויקרא משה להושע בן נון יהושע**

**כולם אנשים**- כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות *(רש"י)*

**ויקרא משה להושע וגו׳**- התפלל עליו קה יושיעך מעצת מרגלים *(רש"י)*

מיר האבן די וואך א מעשה מיט די מרגלים. כולם אנשים זאגט רש"י חשובים, חשובע מענטשן. שפעטער זאגט רש"י אז משה רבנו האט גערופן הושע "יהושע" אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן פון די "עצה" פון די מרגלים. זעהט אויס דא האנדלט זיך אין עפעס וואס טויג נישט. וועלכע עצה, וואס גייט דא פאר, מ׳רעדט דאך פון חשובע מענטשן ?

פארוואס האט בכלל אויסגעפעלט צו שיקן מרגלים? און אויב עס איז טאקע נישט קיין גוטע זאך, פארוואס האט דאס דער רבש"ע צוגעלאזט ?

יעדער איינער ווייסט אז עס איז דא שיעור ווילאנג -מ׳רעדט זיך איין- אז מ׳קען זיך נאך אליין א עצה געבן...ביי יעדן איינעם אין לעבן מאכט זיך זמנים ווי מען קומט צו צו א מצב וואס עס ווערט אזוי געפערליך/שווער/אומדערטרעגליך אז **מ׳מוז** זיך פארלאזן אויפן גרויסן באשעפער, און מ׳זעהט איין באמת אז אן דעם באשעפער גייט נישט <u>גארנישט</u>. און אפילו דאס וואס עס איז "יא געגאנגען ביז יעצט"... איז אויך געווען פון אים.

אדער נעבעך איז דא אנדערע וואס וועלן אויפגעבן און זאגן עס איז דערנאך און אריינפאלן אין א יאוש.

די עצה פון שיקן די מרגלים איז געווען אז מ׳זאל טאקע זעהן די שטארקע גרויסע גבורים וואס מיט "מענטשליכע" כוחות קען מען זיי נישט געווינען, און מ׳וועט צוקומען צו די הכרה אז "אין עוד מלבדו", אן דעם באשעפער גייט גארנישט, און "נאר" ער מאכט אלעס.

ארץ ישראל איז נישט עפעס א פלאץ אויף די מאפע אזוי ווי אמעריקע ענגלאנד אדער ניו זילאנד, ארץ ישראל פארמאגט אין זיך א געוואלדיגע קדושה – געמאכט נאר פאר "בני ישראל" - וואס מ'דארף זיין ראוי צו קענען דארט וואוינען באמת.

אלע לענדער האבן א שר-א מלאך וואס זארגט פאר די פלאץ, אבער ארץ ישראל איז ארץ אשר ה' אלקיך דורש אתה תמיד, עס איז אונטער דעם באשעפער אליין.

כדי צו קענען זיין אין אזא פלאץ דארף מען זיך צוגרייטן בעפאר מיט א שטארקע אמונה אז אלעס איז פונעם באשעפער אליין. אויב פעלט נאך אין די הכרה אפילו אביסל, קען מען נישט אנקומען אהין.

א "עניו" קען אמאל פארלוירן ווערן און טראכטן: "ווער בין איך אז דער רבש"ע זאל מיט מיר מאכן ניסים"? ווען משה רבנו האט געזען די עניוות פון הושע בן נון, האט ער אים אנגעוואונטשען דער אייבערשטער זאל דיר אפהיטן פון דאס "וואס ליגט אונטער די פלאן", דו זאלסט נישט האבן קיין יאוש ח"ו אלס א תוצאה.

מיר לייגן יעדן טאג תפילין וואס דערמאנט אז דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און קאנטראלירט יעדע קלייניגקייט. פארוואס לייגן מיר אויף די לינקע האנט – די "שוואכע" – פארוואס לייגט מען עס נישט אויף די רעכטע/שטארקע האנט צו ווייזן אז אלעס איז פון באשעפער מיט א פעסטקייט ?

דער תירוץ איז, אודאי ווען עס קומט צו גרויסע זאכן ווייסט מען אס עס איז פון דער רבש"ע, דער מענטש איז צו שוואך זיך איינצורעדן אז ער קען אליינס. אבער די חכמה איז צו וויסן אז אפילו די אזויגערופענע "קלייניגקייטן" זענען נאר פון דער רבש"ע. דוקא די לינקע שוואכע האנט דארף א "דערמאנונג".

מיר דארפן דאס געדענקן סיי אין גשמיות אין סיי אין רוחניות, סיי "גרויסע" זאכן אין סיי "קלייניגקייטן", מיר טוען גארנישט, אלעס איז פון דער באשעפער **אליין**.

## • מעשה

**השגחה פרטית**

פארציילט הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א: איבער דעם ענין פון השגחה פרטית אויף יעדן טריט און שריט, וועל איך דערציילן וואס איך האב געהערט פון א טייערן איד, דער איש החסד הרב ר' שמואל לעווינסאן שליט"א, וועלכער פירט אן א גרויסן מוסד וואס פארקויפט איינמאל א וואך אין די חרדי'שע געגענטן שפייז פאר ביליגע פרייזן, כדי לייכטער צו מאכן פאר אחב"י וואס פלאגן זיך אויף פרנסה. ר' שמואל האט א גרויסן, דריי-שטאקיגן 'גאראדזש' אין דער געגנט "הר טוב" נעבן בית שמש.

אין יענעם גאראדזש האט ער אויך א קליינעם צימער, וואס דינט אלס אן אפיס, וואו ער זיצט טעגליך פון 11 אזייגער אינדערפרי ביז שפעט נאכמיטאג.

געציילטע חדשים צוריק, ווען עס האט ליידער אויסגעבראכן די "קאראנא" עפידעמיע רח"ל און עס איז ארויפגעלייגט געווארן א "קוירפיו" דא אין ארץ ישראל, פארבאטנדיג מענטשן צו פארן פון איין ארט צום צווייטן, האט אונזער ר' שמואל באקומען א ספעציעלע ערלויבעניש צו פארן פון איין ארט צום צווייטן, וויבאלד ער איז א מנהל פון אן ארגאניזאציע וועלכע באשעפטיגט זיך מיט צושטעלן פאר מענטשן שפייז, וואס איז א לעבנס-וויכטיגע זאך.

נאך פסח, ווען עס איז געמאלדן געווארן א "קוירפיו" אויף עטליכע פרומע געגנטן אין ירושלים, און אז מ'קען פון דארט נישט ארויסגיין צו אנדערע פלעצער, האט ר' שמואל (וועלכער וואוינט אין יענע געגנט, אויף רחוב סורוצקין), געבעטן ערלויבעניש ארויסצופארן פון דער היים, קיין בית שמש וואו עס געפינט זיך דער 'ווער-האוז' פון זיין ארגאניזאציע. ער האט אבער נישט באקומען רשות "ארויסצוגיין" פון דער היים.

זייענדיג ווייט פון א בטלן, האט ר' שמואל אנגעקניפט פארשידענע קשרים און געמאכט פארשידענע השתדלות'ן צו קענען ארויספארן, אבער למעשה האט גארנישט גע'ארבעט, און מען האט איהם נישט געוואלט ארויסלאזן.

אזוי איז געווען מוצאי שבת, און א טאג שפעטער-זונטאג. ר' שמואל האט זיך שטארק געוואונדערט דערויף, ווייל די פאליצײ ווייסן דאך אז ר' שמואל שטעלט צו עסן פאר מענטשן. נאך מער האט ער זיך געוואונדערט דערויף וואס זיין שכן, וואס ארבעט ביי איהם האט יא באקומען רשות! און פאר ר' שמואל, אלס מנהל פון די ארגאניזאציע, וויל מען נישט ערלויבן ארויסצופארן...

בלית ברירה, האט ער באשלאסן, "יעבור עלי מה" איך לאז זיך ארויס אין וועג... ער האט זיך פארלאזט אז אויב די פאליציי וועט איהם אפשטעלן אינמיטן וועג, וועט ער זיי ווייזן די פאפירן וואס אידענטיפיצירן איהם אלס מנהל פון דעם וואוילטעטיגן מוסד. ער וועט זיי אויך ווייזן די ערלויבעניש וואס ער האט באקומען פון זיי ביי א פריערדיגע געלעגענהייט. אנקומענדיג צום 'ראודבלאק' האט דער פאליציאנט איהם אפגעהאלטן, און אלע זיינע טענות ומענות האבן נישט געהאלפן. ער האט איהם אפן געזאגט, אז אויב ער וועט נישט זאפארט צוריקפאהרן אהיים, וועט ער באשטראפט ווערן מיט 'ן גאנצן "חומר הדין".

בלית ברירה איז ר' שמואל צוריקגעפארן אהיים, נישט פארשטייענדיג פארוואס דער פאליציאנט איז געווען אזוי פאר'עקשנט איהם נישט אדורכצולאזן.

עטליכע שעה שפעטער, האט ער באקומען א טעלעפאן-רוף פון די ארבעטער אינעם 'וועיר-האוז' פון זיין מוסד: "דאנק דעם באשעפער, אז מען האט דיך נישט געלאזט קומען אהער, אזוי ווי יעדן טאג... ווייל פלוצלינג 12 אזייגער מיטאג, איז אראפגעפאלן א גאנצער 'פּאלעט' אנגעפילט מיט קעסטלעך שפייז, פון דריטן שטאק און עס האט געלאנדעט אויפ'ן דאך פון דיין אפיס!" (דארט וואו ר ' שמואל זיצט יעדן טאג). א זאך וואס האט דארט קיינמאל נישט פאסירט. פון דעם שטארקן זעץ, איז דער גאנצער אפיס צעשמעטערט געווארן, און עס איז נישט געבליבן פון איהם א זכר...

ערשט דאן האט ר' שמואל איינגעזעהן וואס פאר א נס עס האט פאסירט מיט איהם. אויב דער פאליציאנט וואלט איהם געלאזט פאהרן קיין בית שמש, וואלט ער נישט דא געווען.

נאך א גרעסערע פלא איז געווען, אז די קומענדיגע טאג, מאנטאג האט מען איהם שוין געלאזט געהעריג פארן אן דעם וואס איינער זאל איהם בכלל אפשטעלן!

פון דעם פאסירונג זעהען מיר, אז דער מענטש האט נאר "פליישיגע" אויגן, און ער וויינט גלייך ווי פון הימל וויל מען איהם "שלעכטס טוהן" ח"ו. דער אויבערשטער זאגט אבער: קיינער וויל דיר נישט שלעכטס טוהן חלילה. ס'איז בלויז טובות און חסדים פון דעם אויבערשטען, צו ראטעווען דיין לעבן פון א זיכערע געפאר רח"ל.

***א גוט שבת***

גליון
יְרְאַת ה' אֱלֹקֵיכֶם



# • דאס נישט! •

**חאצקעלע** לייגט ארויף די בלום אויף זיין קאפל... פיין ס'זעט אויס אז ס'האלט זיך דארט: "איך בין גאנץ א פיינע קינצלער" טראכט ער.

**ער** נעמט זיך גיין שטאטלעך, ער וועט יעצט אדורך גיין אלע גאסן מיט'ן שיינעם בלום אויפ'ן קאפ, און... ס'גייט נישט אראפפאלן.

**אזוי** מיט א איינגעהאלטענעם אטעם גייט חאצקעלע אדורך איין גאס נאכ'ן צווייטן.

**מענטש** וואונדערן זיך אביסל, וואס איז געשען מיט חאצקעלע, פארוואס גייט אזעלכע שטאטע געמאסטענע טריט, און ער געבט אכטונג נישט צו רירן זיין קאפ.

**קלעצל** גייט צו מיט נייגער: "חאצקעלע, זאג נאר, וואו גייסטו און פארוואס גייסטו אזוי שטאטלעך?".

**חאצקעלע:** "איך וויל זען אויב איך קען ארום גיין אינעם גאנצן שטאט אנדעם וואס די בלום פון מיין קאפ זאל אראפפאלן".

**קלעצל:** "וועלכע בלום?".

**חאצקעלע:** "וואס הייסט? דאס וואס ליגט אויף מיין קאפל".

**קלעצל:** "נישטא קיין שום בלום אויף דיין קאפל".

**חאצקעלע:** "ווען איז עס אראפגעפאלן?".

**קלעצל:** "ווען איז עס ארויפגעלייגט געווארן?".

**חאצקעלע:** "א שעה צוריק".

**קלעצל:** "ווער האט דיר איינגערעדט אז ס'ליגט נאך אויף דיין קאפל?".

**חאצקעלע:** "איך האב נישט געפילט ווי ס'פאלט אראפ".

**קלעצל:** "א בלום וועגט זייער ווייניג, ס'איז זייער שווער צו פילן אויב ס'פאלט אראפ".

**חאצקעלע** לייגט ארויף די הענט אויפ'ן קאפל און ער זעט אז ס'איז טאקע נישט דארט, יעצט איז זיין נאז אויף אראפגעפאלן... קוים האט ער געמיינט אז ער ווערט שוין א קינצלער, און גארנישט.

**גייט** ער זיך אזוי אויפ'ן גאס פארטראכט און פאר'גולמ'ט, ער מוז אויפקומען מיט עפעס בעסערס.

**פלוצלינג** פארט אדורך א קאר, ס'שטעלט זיך אפ נעבן אים און דער דרייווער שרייט ארויס: "אינגעלע חלום נישט דארטן!".

**און...** דער קאר פארט אוועק.

**חאצקעלע** איז געבליבן שטיין ווי באגאסן מיט קאלטע וואסער, וואס האט דער מענטש געוואלט פון מיר, וואס וויל ער איך זאל טון?

**קודם** האט ער זיך געגעבן א כאפ און אנטלאפן פון דארט צום עק שטאט.

**ס'גייט** אריבער אפאר שעה און אין שטאט נעמט מען זיך זוכן חאצקעלע, וואו איז ער פארשוואונדן געווארן?

**קודם** האט מען געזוכט אין קלאזעטס; אונטער קארן; צווישן הויכע גראזן; אין גרובער פון די ערד, און נאך אזעלכע מאדנע פלעצער וואו חאצקעלע באהאלט זיך אסאך מאל.

**אבער** אז מ'האט אים נישט געטראפן, האט מען אנגעהויבן זוכן אין געהעריגע פלעצער, אין אלע גאסן און אין די פארשטופטע גאסן ביז מ'האט אים געפינען ביים עק שטאט זיצן אויף א שטיין און וויינען.

**די** קולות וואס ער האט געמאכט האבן געקענט טויב מאכן א

טויבער. ער איז ארום געוומען מיט א ים פון טרערן, כמעט אזוי גרויס ווי דער ים הגדול.

**מיט** זיינע פיס האקט ער אין די ערד אריין מיט אלע כוחות, אזוי אז ס'איז שוין געווארן א שיינעם לאך אין דער ערד, און... אויך אין זיינע שיך.

**זיינע** הענט וואס האקן אויפ'ן שטיין זענען אינגאנצן צעקראצט, און ער הערט נישט אויף, ער שרייט און קרייט אז ס'איז א פחד.

**"וואס** איז געשען?" פרעגט אים זיין ברודער.

**חאצקעלע** פראבירט צו ענטפערן אבער ער קען נישט, ער קען נישט רעדן קיין גראדע ווארט, עפעס האט זיך געהערט פון אים: "מענטש... קאר... קוק... חלום... אינגעלע" אבער וואס ער מיינט צו זאגן איז נישט פארשטאנען געווארן.

**זיין** ברודער האט אים פראבירט אביסל צו בארואיגן, און ער פרעגט אים: "וויאזוי ביסטו אראפגעפאלן?".

**חאצקעלע:** "איך בין אפילו נישט אראפגעפאלן".

**ברודער:** "וואס דען?".

**חאצקעלע:** "דער מענטש האט געזאגט" און ער הייבט וייטער אן צו האקן און שטויסן.

**"הער** אויף - זאגט דער ברודער - טוה נישט דאס".

**חאצקעלע:** "אבער דער מענטש האט געהייסן".

**חאצקעלעס** ברודער ווערט אינגאנצן צעמישט, וועלכע מענטש הייסט וויינען; צעררייסן די שיך און צערייבן די הענט.

**ער** פראבירט צו פרעגן פון חאצקעלע אביסל מער... צוביסלעך פארשטייט ער מער און מער, אז חאצקעלע איז געווען פאר'חלומ'ט אויפ'ן גאס און ער האט אים עפעס געשריגן צו אים.

**"און** פארוואס מאכסטו אזא איבערקערעניש - פרעגט דער ברודער - ביסט באליידיגט אז יענער האט דיר עפעס געזאגט?".

**חאצקעלע:** "ניין, איך בין נישט באליידיגט, נאר איך וויל פאלגן".

**ברודער:** "וועמען?".

**חאצקעלע:** "דער מענטש וואס האט מיך געהייסן, ער האט אויסגעזען צו זיין א חשובער מענטש".

**ברודער:** "איך פארשטיי, אבער וואס האט ער דיר געהייסן".

**חאצקעלע:** "איך ווייס נישט, ער האט געזאגט איך זאל נישט חלומ'ן".

**ברודער:** "נו?".

**חאצקעלע:** "אפשר האט ער דאס געמיינט צו זאגן, אז איך זאל נישט חלומ'ן, נאר מאכן א געוואלד און געשריגן".

**ברודער:** "איך מיין אז נישט".

**חאצקעלע:** "וואס דער האט ער געמיינט צו זאגן?".

**ברודער:** "איך ווייס נישט".

**חאצקעלע:** "שוין, אפשר האט ער דאס געוואלט זאגן, אז איך זאל צעלעכערן מיינע שיך און צערייבן מיינע הענט".

**ברודער:** "חאצקעלע, איך ווייס נישט וואס ער האט געוואלט, אפשר ביסטו געשטאנען צו נאנט צו די ראוד און ער האט געוואלט זאגן זאלסט זיך רוקן; אפשר איז א בין געפלויגן נעבן דיר; אפשר ביסטו געשטאנען נעבן א בלאטע. איך האב נישט קיין אנונג, איך בין דאך נישט דארט געווען. אבער דאס קענסטו זיין זיכער, אז דאס וואס דו טוסט, נישט דאס האט ער געמיינט צו זאגן".

**חאצקעלע:** "וויאזוי ווייסטו?".

**ברודער:** "וואס הייסט וויאזוי, ווייל דאס איז סתם א חורבן, ס'העלפט גארנישט, ס'מאכט נאר פראבלעמען".

**די** העכערע כוונות פונעם הייליגן באשעפער ווייסן מיר נישט; אנצייגן וואס ער וויל מיט'ן אונז אזוי אויפשאקלען, קענען מיר נישט. אבער איין זאך איז זיכער - זאגט אונז דער רבי שליט"א - אז ווערן בעצבות איז זיכער נישט וואס דער אייבערשטער וויל.

**דער** מאור עינים זאגט... **העצבות** די עצבות **הוא מדה גרוע מאוד** איז זייער שטארק נישט קיין גוטע מדה. (ברכות עמ' תשצח)

**דאס** וועט אונז זיכער קיין שום גוטס נישט ברענגען, זיך שטארקן און זיין בשמחה, דאס וועט העלפן זיך און יעדעם איינעם, און ס'וועט אונז העלפן און צוברענגען צו ווערן בעסער אין אלע ענינים.

## א פרייליכן שבת

**צו הערן די מעשה רופט קול התורה 8 - 4 - 2 - 845-678-8363, די מעשה פון דעם וואך איז אויף 225#**

הלכות ביום שבת טיש

שלח [קורח בא"י] ●●●●••אקטועלע הלכות צו פארברענגען מיט די גאנצע משפחה ●●●●•• גליון מס׳ 46

יו"ל ע"י חברת יגדיל תורה דחסידי בעלזא - אנטווערפן בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
להערות והארות טל': 32488417322+ מייל: shabbestish@gmail.com

## שאלות ותשובות לליל שבת

דיני קימה והידור

**א. וואס איז דער טעם אז מען דארף זיך אויפשטעלן און מכבד זיין יעדער עלטערע מענטש, אפילו אויב ער איז אן עם הארץ?**

ווייל במשך די אלע יארן וואס ער לעבט, האט ער געזעהן און איינערקענט די מעשים און די וואונדערס פון די אייבישטער, לכבוד דעם דארף מען זיך אויפשטעלן.

**ב. פון וועלכער עלטער דארף מען זיך אויפשטעלן?**

פון 70 יאר, ס'איז דא וואס האלטן פון 60 יאר [אויב מען האט א ספק אויב ער איז שוין 70 יאר דארף מען זיך אויך אויפשטעלן ווייל ספיקא דאורייתא גייט מען לחומרא].

**ג. ווען מען שטעלט זיך אויף, דארף מען זיך אויפשטעלן אינגאנצן?**

לכתחילה דארף מען זיך אויפשטעלן אינגאנצן [מלוא קומתו], בדיעבד איז גענוג אויב מען געבט זיך א שאקל ( ווייל זיי זענען מסתמא מוחל). אבער מען דארף דערקענען ווען מען שטעלט זיך אויף אז עס איז לכבוד די עלטערע מענטש, ממילא אויב מען דארף ערגעץ גיין זאל מען נישט גיין גלייך נאכן אויפשטעלן, נאר מען זאל זיך צוריק אראפזעצן און נאכדעם גיין.

**ד. וויפיל מאל א טאג דארף מען זיך אויפשטעלן ?**

צוויי מאל, אינדערפרי און ביינאכט, אויב מען איז צווישן אנדערע מענטשן און זיי וויסן נישט אז מען האט זיך שוין אויפגעשטעלט, דארף מען זיך נאכאמאל אויפשטעלן.

**ה. פון וועלכער ווייטקייט דארף מען זיך אויפשטעלן?**

פון ווער ער קומט אריין אין די ד' אמות 1.90 מעטער, אויב מען שטעלט זיך אויף נאך פאר ער קומט אריין אין די ד"א דערלייגט מען די מצוה [ווייל עס דערקענט זיך נישט אז מען האט זיך אויפגעשטעלט לכבודו], חוץ אויב א חכם קומט אריין אין זאל און אלע שטעלן זיך אויף פאר זיין כבוד, מעג מען זיך אויפשטעלן אפילו אינדרויסן פון די ד' אמות, ווייל דעמאלס דערקענט זיך יא אז מען האט זיך אויפגעשטעלט לכבודו.

**ו. אויב מען האט זיך אויפגעשטעלט פאר א עלטערע מענטש, פון ווען מעג מען זיך אראפזעצן?**

ביז ער גייט אריבער פון זיינע אויגן, ס'איז דא וואס האלטן ביז ער גייט אריבער די ד' אמות.

## שאלות ותשובות ליום שבת

דיני קימה והידור

**ז. אויב מען האלט אינמיטן לערנען אדער דאווענען דארף מען זיך אויפשטעלן?**

יא.

**ח. אויב אן עלטערע איד פארט אריבער מיט א ווילטשעי"ר, דארף מען זיך אויפשטעלן?**

יא, ווייל פארן האט א דין אזוי ווי גיין.

חיוב לימוד עם הבנים

**ט. אויף וועלכער אופן קען מען יוצא זיין די חיוב מן התורה, צו אויסלערנען די קינדער צו לערנען תורה?**

היינטיגע צייטן איז מען עס יוצא מיטן שיקן אין תלמוד תורה, אבער נאכאלס שטייט אין די ספרים אז די טאטע קען זיך נישט אינגאנצן פטר'ן דורכן שיקן אין תלמוד תורה, נאר יעדע טאטע דארף זעהן אויך אליינס צו לערנען מיט די קינדער. [מען זאגט נאך בשם דער חזון איש אז אויב מען וויל אז די קינדער זאלן וואקסן תלמידי חכמים, זאל דער טאטע מקפיד זיין, צו לערנען מיט זיי יעדן טאג].

**י. וואס איז דער חילוק, אז צו אויסלערנען די קינדער צו לערנען איז א חיוב מן התורה, און אנדערע מצוות איז נאר א חיוב מדרבנן צו מחנך זיין?**

ווייל ביי אנדערע מצוות אפילו אויב די קינדער וועלן עס נישט טוהן ווען זיי זענען קליין, וועלן זיי עס טוהן פון זיך אליינס ווען זיי ווערן גרויס, אבער ביי תורה אויב מען וועט נישט לערנען מיט זיי פון קליינווייז אן וועלן זיי וואקסן א פרא אדם, און אויב עס איז נישט דא קיין תורה איז אויך נישט דא קיין מצות.

**יא. פון וועלכער עלטער הייבט זיך אן די חיוב צו אויסלערנען פאר די זוהן תורה?**

פון ווען ער הייבט אן צו רעדן, דארף מען אים אויסלערנען די פסוק "תורה צוה לנו וגו' און "שמע ישראל", ווייל די פסוקים זענען די יסוד פון די תורה און עס ווארצלט אריין אין די קינדער אמונה, אז די תורה איז פון הימל און עס איז אן אייביגע זאך, און אז די אייבישטער איז די איינציגסטער [אבער מען זאל אכטונג געבן אז ווען מען לערנט זיי אויס די פסוקים, אז די קינד זאל זיין ריין].

בעזהשי"ת

פרשת שלח

פראיעקט:

# "לערן הלכות שבת"

**עפ"י הוראת הרב שמואל פעלדער שליט"א**

דומ"ץ דבית מדרש גבוה לייקוואוד

**אויב מען לייגט אריין insoles אדער טישוס אין די שיך צו פארמיידן אדער באקוועמער מאכן א blister אדער כדי די שיך זאלן בעסער פאסן אויפן פיס, איז מותר ארויסצוגיין אינדרויסן מיט אזעלכע שיך?**

עס איז מותר צו אריינצולייגן insoles אדער טישוס אין די שיך צו פארמיידן אדער באקוועמער מאכן א blister אדער כדי די שיך זאלן בעסער פאסן אויף די פיס.

**איז מותר אריינצוקלעבן stick-on insoles אדער tongue pads אין די שיך שבת?**

עס איז אסור אריינצוקלעבן stick-on insoles אדער tongue pads אין די שיך.

**איז עס מותר צוריק אריינצולייגן א tap אין די שיך אויב עס איז האלבוועגס אראפגעקומען?**

ניין. עס איז אסור צוריק אריינצולייגן דעם נאגל אין די שיך צו פאררעכטן דעם tap.

**נאך הערות בנוגע שיך:**

- עס איז אסור ארויסצוגיין מיט א קליינעם שטיינדל אין די שיך.
- עס איז אסור ארויסצוגיין אינדרויסן טראגנדיג פלאסטיק זעקלעך אויף די פיס, אויב מען טראגט זיי נאר כדי עס זאל זיין לייכטער אנצוטוען די שטיוול.
- גאלאשן מעג מען אפוואשן דורך גיסן וואסער אויף זיי, אבער מען טאר זיי נישט שטארק רייבן מיט וואסער.

דער חפץ חיים זי"ע ברענגט אין נאמען פון רבי'ן ר' יהונתן אייבשיץ זי"ע, אז אויב א מענטש לערנט נישט אדורך די הלכות פון שבת, דאן איז אוממעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף זאכן וועלכע מען טאר נישט טוהן אום שבת.

זיך איינצושרייבן אייער אימעיל: שיקט א אימעיל צו: lernshabbos@gmail.com

לזכות רפו"ש חי' מלכה בת בתשבע בתשח"י

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת שלח** חו"ל - **קרח** א"י - **תש"פ** | **גליון 556 [שנה י"ב]**

## לפרשת שלח

### ויכוח פון כָּלֵב מיטן עָם

וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ: וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר עָלוּ עִמּוֹ אָמְרוּ לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ: (יג ל-לא) צו פארשטיין וואס איז געווען די ויכוח פון **כָּלֵב** מיטן עָם און די אֲנָשִׁים? און אויך צו מסביר זיין מיט וואס האט **כָּלֵב** זיי באשוויגן? אויך רש"י זאגט **וַיַּהַס כָּלֵב. הִשְׁתִּיק אֶת כֻּלָּם**, אויב אזוי עס וואלט געקענט שטיין וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם פארוואס שטייט **אֶל מֹשֶׁה**? נאר די אידן האבן געזאגט אֶפֶס כִּי עַז הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּאָרֶץ, האט זיי **כָּלֵב** געזאגט אויף משה: **וַהֲלֹא קָרַע לָנוּ אֶת הַיָּם, וְהוֹרִיד לָנוּ אֶת הַמָּן, וְהֵגִיז לָנוּ אֶת הַשְּׂלָו**, און דאס איז אלעס געווען נאר דורך משה און אין זיין זכות, ממילא דעם איינעמען ארץ ישראל, אפילו די פאלק איז שטארק, וועט מען זיי מנצח זיין, דאס מיינט וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם "אֶל מֹשֶׁה", אין זכות פון משה. אבער די שטן האט זיך אריינגעמישט און זיי האבן געזאגט אז דאס וועט זיין צו שווער אפילו פאר משה חלילה! און דאס שטייט: אז די אנשים האבן געענטפערט כִּי חָזָק הוּא "מִמֶּנּוּ", "פון משה", דאס וועט אבער זיין שווער פאר אים, רש"י ברענגט פון חז"ל אז "מִמֶּנּוּ" איז **כִּבְיָכוֹל כְּלַפֵּי מַעְלָה אָמְרוּ** (סוטה לה ע"א), קען מען אויך זאגן אז דער וואס גלויבט נישט אין דעם מנהיג ישראל, גלויבט נישט אין אויבערשטן. (אזור אליהו הורשאווסקי אב"ד דרוהיביטש)

### כָּלֵב האט תולה געווען בזכות אבות

וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ וַיְמַלֵּא אַחֲרָי: (יד כד) זאגט רש"י וַיְמַלֵּא אַחֲרָי. וַיְמַלֵּא אֶת לִבּוֹ אַחֲרָי, רש"י לכאורה איז געווען שווער וואס מיינט "אַחֲרָי", און ענטפערט אז עס מיינט **לִבּוֹ אַחֲרָי**. דאס צו פארשטיין: די גמ' (ברכות דף י ע"ב) ברענגט **כל התולה בזכות עצמו תולין לו בזכות אחרים וכל התולה בזכות אחרים תולין לו בזכות עצמו**, און עס שטייט אין גמ' (סוטה דף לד ע"ב) וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן (במדבר יג כב) **וַיָּבֹאוּ מבעי ליה – א לשון רבים? אמר רבא מלמד שפירש כָּלֵב מעצת מרגלים והלך ונשתטח על קברי אבות**, כָּלֵב איז געגאנגען מתפלל זיין אין זכות פון די אבות, און האט נישט תולה געווען אין זיין אייגענעם זכות, דאס מיינט דער פסוק כָּלֵב עֵקֶב הָיְתָה "רוּחַ אַחֶרֶת" עִמּוֹ: ער האט תולה געווען אין זכות פון אנדערע, די אבות, איז דער אויבערשטער דאס תולה אין זיין אייגעגע זכות, דאס מיינט רש"י **וַיְמַלֵּא אֶת** "לִבּוֹ" אַחֲרָי, האט דער אויבערשטער דערפילט זיין הארץ "מִלִּבּוֹ" פון זיין זכות. דאס קען זיין וואס חז"ל זאגן (תמורה טז ע"א) **כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה, הוא מאי יפונה שפנה מעצת מרגלים**, ער האט אוועק געקוקט פון זיין זכות און געקוקט אויף זכות אבות. (כלי חמדה להגה"ק ר' משולם מסטאניסלאב)

### עסן קען דערהויבן א מענטש ברוחניות

וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ תָּרִימוּ תְרוּמָה לַה': (טו יט) עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז די פירות פון ארץ ישראל האבן געקענט באלייכטן און דערהויבן א נשמה, און דעריבער שטייט **ואכלת ושבעת**, וועסט עסן און זאט ווערן פון **פירות א"י**, און דאס וועט דערהויבן דיין נשמה און וועסט זיך אליין מעורר זיין צו **וברכת את ה' אלוקיך** ע"כ. די זעלבער בחינה שטייט דא וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ, אז מען וועט עסן פון די ברויט פון א"י, תָּרִימוּ תְרוּמָה לַה', וואס תרומה איז א לשון פון דערהייבן, וועט דער מענטש זיך דערהויבן און ווערן נענטער צום רבש"ע. (גבעת פנחס, ביליצער, מאביו הגאון ר' עמרם ישי זצ"ל)

## לפרשת קרח

### מדרש פליאה - שייכות בוקר ווידע צו דוד המלך

וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וגו' וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר־לוֹ וְאֶת־הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו: (טז ג) דער ספר **דמשק אליעזר** ברענגט פון **ספר פני אריה א מדרש פליאה "כיון שראה דוד מה שאמר** קֹרַח כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים **נטל הכנור בידו והתחיל מנגן** אֲרוֹמִמְךָ ה' כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי: (תהלים ל ב) דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די עוולה אז קֹרַח האט געזאגט כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים, ווען עס שטייט (דברים יד ב) כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ? נאר קֹרַח האט דאך געדארפט פארשטיין אז אויב כלל ישראל זענען קָדוֹשׁ מוזן דאך זיין די מנהיגים קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, אזוי ווי עס שטייט (דברי הימים א' כג יג) וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא וּבָנָיו, אויב אזוי האט נישט קיין פשט וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ, ווייל משה און אהרן זענען קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, און די עדה זענען נאר קְדֹשִׁים! און ווי אזוי זעהט מען אויב א מנהיג איז קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, איז דאס נאר אויב זיין עבודה איז ביום און בלילה, ער איז עוסק בתורה א גאנצע נאכט און נאר פאר עס וועט אינדערפרי, דרימעלט ער איין, און איז זיך ווייטער מתגבר אין זיין עבודה, דאס איז א מנהיג וואס איז קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, דאס קען זיין פשט ווען קֹרַח האט געזאגט כָּל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים, ענטפערט אים משה "בֹּקֶר" לאמיר קוקן אינדערפרי, און אויב דער מנהיג איז געווען אויף א גאנצע נאכט, דעמאלטס וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו, אז ער איז א מנהיג קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מאון ווייל ביי קֹרַח איז דאס נישט געווען, ממילא קען ער נישט זיין א מנהיג. מיט דעם איז הפלא די מדרש ביי דוד, נאכדעם וואס ער האט געזען וואס קֹרַח האט געזאגט כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים, און מען האט אים אפגעפרעגט מיט בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ, און ער איז דאך א מנהיג, און ער מוז זיין קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מוז ער דאך עוסק זיין אין תורה ביום און בלילה, דעריבער מיד לקח כנורו און געזאגט אֲרוֹמִמְךָ ה' כִּי דִלִּיתָנִי: און געדאנקט אז דער אויבערשטער האט אים דערהויבן צו די מדריגה פון קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, און זיך מתגבר געווען אין תורה. (זכרון שלמה וכיבוד אב, ר' אלעזר קליין אב"ד באר שבע)

---

**מדור העובדות**

***** דורך תשובה באמת פון א איד האט דער איזביצא געפועלט א ישועה ******

הרה"צ ר' מרדכי יוסף ליינער פון איזביצא זצוק"ל איז געווען א תלמיד פון פשיסחא און קאצק, זיין ספר מי השילוח איז זייער באקאנט אין די גאנצע וועלט ער איז נפטר געווארן ז' טבת תרי"ד. זיין זון הרה"ק ר' יעקב איז געווארן זיין ממלא מקומו און ארוים געגעבן די ספרים בית יעקב וואס פארברייטערט זיין טאטנ'ס תורה. דער איזביצא האט געהאט תלמידים: הרה"ק ר' צדוק הכהן מלובלין זצוק"ל, און הרה"ק ר' לייבלע אייגר דער תורת אמת מלובלין זיע"א.

א דארפס איד האט געהאט א שענק ביי אים אין דארף, ער פלעגט קויפן זיינע בראנפן פון א פאבריק לעבן זיין דארף אין קראסניסטוב, פולין, און דאס פארקויפן ביי אים אין דארף, מיט די צייט האט ער האט געבעטן די ארבייטערס פון פאבריק אז ביינאכט ווען די פאבריק גייט מען שוין פארשליסן זאלן זיי אים אוועקגעבן די פסולת פון די בראנפן, און זיי האבן גערן מסכים געווען. אבער מיט די צייט האט ער זיך זייער באפריינדיט מיט די ארבייטערס און ער האט זיי געבעטן זיי זאלן אים אויך צוגעבן מיט די פעסלאך פסולת, א פעסל מיט הייוון צו קענען אליין מאכן אביסל בראנפען, און אזוי איז דאס אנגעגאנגען א שטיק צייט און דער איד האט געהאט פון דעם שיין פרנסה.

איין טאג איז אנגעקומען אין קראסניסטוב א אנגעזענעם גוי וואס האט געהייסן ראזענצי, און האט זיך דארטן באזעצט, דער ראזענצי האט געטראפן חן ביי דעם פריץ און ער האט אים געמאכט דעם הער אויף קראסניסטוב, דער הער ראזענצי איז געווען א שטרענגער מענטש און זיך גענומען גלייך צו די ארבעט און געזוכט ווער גייט אנקעגן די געזעץ, און אזוי האט ער נאך געקוקט דעם בראנפן פאבריק און באמערקט ווי דער איד קומט ביינאכט נעמען די פסולת פון די בראנפן, אבער מען גיט אים אויך א פעסל פון הייוון, דער ראזענצי פרעגט דעם איד וואס ער טוט דא? און ער האט געענטפערט אז ער נעמט נאר די פסולת פון די בראנפען, האט הער ראזענצי געזאגט אז ער וויל איבערקוקן די פעסלאך און האט געזען אז איין פאס איז געווען פול מיט הייוון, און געזאגט אז ער איז א גנב און האט געזאגט דעם איד אז ער וועט גיין צום פריץ אינדערפרי און דאס דערציילן און ער וועט אים שטארק שטראפן פארדעם, און ער האט ארויסגעטריבן דעם איד פון פאבריק, איבערלאזנדיג די פעסער, און דאס פארשלאסן מיט זיין שלאס, און אזוי וועט ער האבן קלארע באווייזן פארן פריץ מארגן דעם פארברעך פון איד!

הער ראזענצי האט געוואוסט אז דער פריץ גייט שלאפן זייער פרי און האט געזאגט אז אינדערפרי וועט ער שוין גיין צום פריץ. דער איד האט גוט געציטערט פון דעם עונש וואס ערווארט אים און ער איז שנעל געפארן צום הייליגן צדיק פון איזביצא, ווען ער איז אנגעקומען האט דער רבי געהאלטן אינמיטן א שיעור, האט ער מורא געהאט צו שטערן דעם שיעור, איז ער געגאנגען צום גבאי און געוויינט פאר אים און דערציילט די גאנצע מעשה אז ער איז אין עת צרה יעצט, און דער רבי דארף אים העלפן, איז דער גבאי צוגעגאנגען צום רבין און אים אלעם דערציילט האט דער רבי צוגערופען דעם דארפס איד און געזאגט: מען טאר דאך נישט גנבענן פון א גוי! ביזט אליין שולדיג וואס דו האסט זיך אנגעמאכט פאר דיר! איך קען דיר נישט העלפן! און דער רבי האט אים געזאגט אז ער דארף צוריק גיין לערנען זיין שיעור, נאכן שיעור וויל דער רבי גיין דאווענען מעריב גייט צו אים דער איד נאכאמאל און האט שטארק געוויינט און געזאגט ער וויל תשובה טאן, און דער רבי זאל אים העלפן. דער רבי האט אים נאכאמאל אנגעשריגן ביזט אליין שולדיג און דער רבי האט זיך געשטעלט דאווענען.

דער איד האט מיט געדאווענט און מיט גרויסע בכיות געבעטן דעם אויבערשטן זאל אים העלפן אין זיין צרה. נאך מעריב רופט צו דער רבי דעם איד, און הייסט אים אריינקומען ביי אים אין צימער, און זאגט אים דו וואוינסט דאך לעבן קראסניסטוב און אוודאי קענסטו זיך גוט מיטן הויפט פון די פאסט! זאגט דער איד אז ער קען אים זייער גוט, אויב אזוי גיי שוין יעצט אינמיטן די נאכט און בעט אים ער זאל דיר איבערגעבן דעם וויכטיגן בריוו וואס דארף אנקומען צום פריץ, און זאג אים אז דו וועסט דאס ברענגען צום פריץ גלייך אינדערפרי ווייל עס איז זייער א וויכטיגע בריוו וואס דער פריץ דארף דאס זען גלייך ווען ער שטייט אויף, און פון דעם בריוו וועסטו האבן דיין ישועה!

דער דארפס איד האט געדאנקט דעם רבין און איז שנעל געפארן אין פאסט און דער הויפט פון די פאסט האט אים געגעבן דעם בריוו און דער איד איז נישט געגאנגען שלאפן יענע נאכט נאר גלייך צוגעפארן צום פאלאץ פון פריץ און געווארט ביז דער פריץ וועט אויפשטיין, ווען דער פריץ איז אויפגעשטאנען האט דער איד געזאגט פאר די באדינער פון פריץ אז ער האט א גאר וויכטיגער בריוו פארן פריץ און מען האט אים אריינגעלאזט. דער פריץ נעמט ליינען דעם בריוו און ער רופט אריין אפאר סאלדאטן און הייסט זיי שוין יעצט גיין קייטלען הער ראזענצי און אים שנעל אריבערפירן קיין לובלין אין געריכט הויז ווייל זיי דארפן אים דארט איינזעצן. די סאלדאטן זענען גלייך געגאנגען און געקייטלט הער ראזענצי אין זיין שלאף, און אים אפגעפירט קיין לובלין און זיין שרייען אז ער איז הער ראזענצי, האט אים גארנישט געהאלפן.

דער פריץ האט דערציילט פארן איד אז דער ראזענצי איז א פארברעכער פון לובלין, און עס האט אים געווארט א גרויסער פראצעס אין געריכט, וואס ער וואלט געדארפט זיצן אין תפיסה א לאנגע צייט, אבער ער איז אנטלאפן פון לובלין אינמיטן נאכט און מען האט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, אבער דער שופט פון לובלין וואס איז געווען א קרוב מיטן פריץ האט זיך דערוואוסט אז ראזענצי איז יעצט אין קראסניסטוב, און אז דער פריץ וואס איז זיין קרוב וועט אים זיכער פאלגן, און יעצט אז דו האסט געברענגט דעם בריוו וועט דער ראזענצי באקומען זיין שטראף.

די ארבייטערס פון פאבריק האבן געהערט פון איד אז מען האט איינגעזעצט הער ראזענצי, זענען זיי געגאנגען און אויפגעבראכן דעם שלאס וואס ראזענצי האט ארויפגעלייגט, דער דארפס איד איז געגאנגען און דערציילט פאר די בעל הבית אז ער וויל באצאלן פאר די הייוון וואס ער האט געגאנבעט די גאנצע צייט, און דער בעל הבית האט אים געזאגט אז ער איז אים מוחל און דארף נישט באצאלן.

דער דארפס איד האט שוין תשובה געטאן מיטן אמת און איז געפארן צום הייליגן איזביצא מיט די בשורה טובה, און דערציילט, אז אדאנק וואס דער רבי האט אים געהייסן ברענגען דעם בריוו פארן פריץ איז דאס געווען זיין ישועה, ווייל דער הער ראזענצי האט שוין נישט געקענט דערציילן פארן פריץ פון זיין פארברעך! דערווייל האט דער איד און די גבאי פארשטאנען פון די מעשה אז דער רבי האט דא געפראוועט א גרויסן מופת! האבן זיי געפרעגט דעם רבין וואס איז דא געווען? האט דער רבי זיי געזאגט, באמת האב איך געזען אז איך קען דא נישט העלפן, אבער מיט די תשובה געפיל און די תפילות מיט בכיות פון דעם איד, און אז איך האב אויך געבעטן דעם אויבערשטן אז אין זכות פון זיין תשובה זאל מען מיר חונן דעת זיין, און עס איז אריין געפאלן אינמיטן דאווענען אין מיין מחשבה די ווערטער "א בריוו אין די פאסט! גלייך נאך מעריב האב איך גענומען טראכטן וואס האט א בריוו צו טאן מיט די ישועה? איז מיר איינגעפאלן ווייטער "פארן פריץ"! האב איך שוין פארשטאנען אז דאס איז זאל גיין נעמען א בריוו פון פאסט פארן פריץ! און דורך דעם איז געווען די ישועה זיע"א.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

טור או"ח ווילנא תר"ס חתימות והגהות רבני טשעגנער, עת לעשות ר' הילל קאלאמייא שמירה וסגולה, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, תהלים סלאוויטא של הנ"ך מצב מפואר חסר שתי דפים שצולמו על נייר עתיק, א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען **open 11:30 to 7:30 4403 16 Ave Brooklyn NY 11204 718 438 8414 or email inquirees and orders at: seforim@gmail.com** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש

# ויאמר אליהו

דברי חיזוק
באמונה ובטחון ועוד
על פרשיות השבוע

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א



ישיבת רבי חיים עוזר » 347-897-9968 \ 058-323-1459



אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
קרח
כ"ז סיון שנת תש"פ


בס"ד

# זיך איבערקלוגן און צווייפלן אין די ווערטער פון גדולי הדור, איז נאך ערגער ווי מחלוקת!!!

## » וואס איז געווען די חלק פון די אידן אין די מחלוקת פון קרח ועדתו?

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע (במדבר טז, כא). אין די **רמב"ן** פרעגט אויף דעם, לכאו' פארוואס איז געווען א צארן אויף גאנץ כלל ישראל, ממה נפשך, אויב האבן זיי נישט געזינדיגט פארוואס האט דער אייבערשטער זיי געוואלט פארלענדן, און אויב האבן זיי אויך מורד געווען צוזאמען מיט קרח, ווי אזוי האט משה רבינו געקענט זאגן פארן אייבערשטן הָאִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל הָעֵדָה תִּקְצֹף (שם כב) - צו דען צערנט מען אויף יעדעם ווען איין מענטש זינדיגט.

**איז** די רמב"ן מסביר מיט דעם פאלגענדן לשון: "פון אנפאנג האבן די אידן מיטגעהאלטן מיט משה און אהרן, אבער ווען קרח און זיין גרופע האבן גענומען פענדלך מיט קטורת און געשטאנען ביים אריינגאנג פון אהל מועד צוזאמען מיט משה רבינו, און קרח האט אויסגערופן הויעך זאגענדיג אז ער זארגט זיך פאר די כבוד פון א יעדעם איינעם נישט נאר פאר זיך, דעמאלטס האבן זיינע ווערטער געפעלן געווארן אין די אויגן פון די אלע אידן, און זיי האבן זיך אלע צוזאמגענומען צו זעען, צו וועט טאקע געלונגען פאר קרח צוריקצוברענגען די עבודה פאר די בכורים פון אלע אידן. און דאס איז פשט פון דאס וואס די פסוק זאגט וַיַּקְהֵל עֲלֵיהֶם קֹרַח אֶת כָּל הָעֵדָה (שם יט)."

"**און** די אידן זענען נתחייב געווארן צו ווערן פארלענדט ווייל זיי האבן נישט געגלייבט אין זייער רבי (-משה רבינו) וואס דאס איז ווי איינער וואס צווייפעלט אין די שכינה הק' אליין און זענען מוותר ביי זיך אין הארץ אויף די נבואה פון זייער נביא, און זענען מחויב אויף דעם מיתה בידי שמים. נאר משה און אהרן האבן פראבירט מלמד זכות צו זיין אויף זיי, אז אין אמת'ן האבן נאר קרח און זיין גרופע געזינדיגט, און ער איז געווען די גורם און די איינרעדער, און דעריבער איז ראוי אז נאר ער זאל שטארבן, כדי מפרסם צו זיין זיין שטארף ברבים", עכ"ל.

**זעען** מיר אין זיינע רייד, אז אכטונג צו געבן אויף די כבוד פון א רבי, מיינט נישט נאר אז מען זאל זיך נישט בפועל קריגן מיט איהם, נאר דאס נעמט אויך אריין אז ווען מען זעהט אז אנדערע קריגן זיך מיט איהם, זאל מען נישט זיצן אין די זייט און זיך צוקוקן ווי יענער קריגט זיך, און האפן אין הארצן אז אפשר וועט יענער מצליח זיין מיט זיין מערכה אקעגן דעם רבי'ן, ווייל דאס איז פונקט ווי זיך בפועל קריגן מיטן רבי'ן, און ער איז חייב מיתה.

**ווייל** דאס איז דאך פונקט דאס וואס איז געשעהן ביי די מחלוקת פון קרח, אזוי ווי די רמב"ן איז מסביר, אז די אלע אנדערע אידן וואס האבן זיך נישט בפועל געקריגט מיט משה רבינו, זענען אבער געשטאנען אין די זייט און זיך צוגעקוקט ווי קרח פירט אן די מערכה, און געהאפט אז אפשר וועט ער מצליח זיין צוריקצוברענגען די כהונה פאר די בכורים. און אויף דעם ארויף האט דער אייבערשטער געצערנט אויף זיי און געזאגט פאר משה רבינו אז ער וויל זיי פארלענדן. ווייל איינער וואס צווייפעלט נאר אין די ווערטער פון זיין רבי'ן, איז דאס פונקט ווי ער וואלט געצווייפלט אין די ווערטער פונעם אייבערשטן, וואס אויף דעם ארויף איז מען חייב מיתה.

**און** אין רמב"ן דערנעבן, אויפן פסוק אִם כְּמוֹת כָּל הָאָדָם יְמֻתוּן אֵלֶּה וגו' (שם כט), ברענגט ער ארויס נאכאמאל דעם געדאנק, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "עס זענען געווען אסאך צווישן די אידן וואס האבן צומאל געזאגט די טענה 'פארוואס האסטו אונז ארויסגענומען פון מצרים', און פון דעסוועגן איז די שטראף דא געווען אסאך מער ווי אין די אנדערע פעלער, וויבאלד זיי האבן צוגעלייגט און געזאגט מיט שפאס כִּי תִשְׂתָּרֵר עָלֵינוּ גַּם הִשְׂתָּרֵר (במדבר טז, יג), וואס מיט דעם האבן זיי געטוהן א צווייפאכיגע זינד, איינס, זיי האבן פארשעמט זייער רבי'ן (-משה רבינו), צווייטענס, האבן זיי כופר געווען אין אלע זאכן וואס דער אייבערשטער האט געטוהן אין מצרים און אין מדבר, און אויך אין מעמד הר סיני ווי דער אייבערשטער האט געזאגט וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם (שמות יט, ט), און זיי האבן געזאגט אז ער האט זיך נישט וואס גרויסצוהאלטן אויף זיי, און אז זיי האבן געהאט פון איהם נאר שלעכטס. און דעריבער שטייט אז וַיִּחַר לְמֹשֶׁה מְאֹד (במדבר טז, טו). אויך קרח האט גערעדט אויף דעם שפראך, זאגענדיג וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ (במדבר טז, ג), דעריבער האט ער אויך באקומען די זעלבע שטראף אז ער איז איינגעשלינגען געווארן מיט זיין געצעלט מיט זיי", עכ"ל הרמב"ן.

**זעען** מיר פון זיינע ווערטער, ווי הארב איז די זינד פון פארשעמען דעם כבוד פון א רבי, ווייל לויטן רמב"ן איז די הארבע שטראף געקומען דוקא אויף די זינד פון פארשעמען דעם רבי און נישט אויף די עצם מחלוקת.

## » די צורה פון כלל ישראל - עלטערע אידן און ראשי העדה!!

**און** די הארבקייט פון דעם איז צוליב דעם וואס דאס איז די עיקר צורה און עקזיסטענץ פון כלל ישראל, דעריבער איינער וואס פוגע אין דעם, איז פוגע אין די יסודות פון כלל ישראל און זיין שטראף איז דאפלט.

**אזוי** ווי מיר זעען א וואונדערליכע זאך אינעם פסוק וַיָּבֹאוּ אֵילִמָה וְשָׁם שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עֵינֹת מַיִם וְשִׁבְעִים תְּמָרִים (שמות טו, כז), ווי **רש"י** ברענגט אויף דעם "עס איז זיי אינטערגעקומען צוועלף קוועלער וואסער, אקעגן די צוועלף שבטים, און זיבעציג טייטלביימער אנטקעגן די זיבעציג זקנים".

**און** די **רמב"ן** פרעגט אויף דעם, אז לכאו' ווייסן מיר אז די זאכן זענען דעמאלטס באשאפן געווארן בדרך נס, איז פארוואס שטייט אין רש"י די לשון 'נזדמן להם' - עס איז זיי אונטערגעקומען.

**איז** ער מסביר ע"פ די ווערטער וואס שטייט אין **מכילתא** ווי פאלגענד: "ר' אלעזר המודעי זאגט, פון ווען די אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער דארט באשאפן די צוועלף קוועלער אקעגן די צוועלף שבטים, און זיבעציג טייטלביימער אקעגן די זיבעציג זקנים."

**זאגט** די רמב"ן ווי פאלגענד: "די פסוק דערציילט אז די אידן האבן אלע גערוהט יעדער אויף זיין אייגענע קוואל, און די זקנים אונטער די שאטן פון די טייטלביימער, כדי ארויסצוברענגען די לויב פונעם אייבערשטן אז ער האט זיי צוגעגרייט די אלע זאכן אין די וויסטע מדבר", עכ"ד הרמב"ן,

**זעהט** מען פון דעם, אז די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן און געבויעט געווארן אין א צורה פון שבטים און עלטערע אנגעזעהנע מענטשן, וואס דעריבער איז גלייך פון בריאת העולם האט דער אייבערשטער אנגעגרייט פאר די אידן אין די מדבר אין אזא צורה.

**נאך** זעען מיר א וויכטיגע פונקט, אז די תורה האט געזעהן פאר וויכטיג אויסצורעדן אט דעם עפיזאד, וואס מען זעהט נישט ביי אלע אנדערע מסעות, ווי די תורה רעכענט כמעט נישט אויס די אלע פאסירונגען וואס זענען געשעהן ביי די אלע מסעות.

## » א יעדע רב און גדול הדור, איז פונקט ווי משה רבינו!!!

**חז"ל** הק' (סנהדרין קי:) זענען מאריך מבאר צו זיין די גרויסע פגם פון איינער וואס קריגט זיך מיט זיינע רבי'ס, ווי די גמ'


געספאנסערט דורך:
AmeriMax INDUSTRIES
Where You Get The Whole PACKAGE
www.amerimaxind.co

זאגט מיט די פאלגענדן לשון: "האט רב חסדא געזאגט, א יעדער וואס קריגט זיך מיט זיין רבו, איז אזוי ווי ער קריגט זיך מיטן שכינה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בְּהַצֹּתָם עַל ה' (במדבר כו, ט). האט ר' חמא ברבי חנינא געזאגט, א יעדער וואס פירט א קריג מיט זיין רבי, איז אזוי ווי ער פירט א קריג מיט די שכינה הק', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הֵמָּה מֵי מְרִיבָה אֲשֶׁר רָבוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת ה' (במדבר כ, יג)."

"**האט** ר' חנינא בר פפא געזאגט, א יעדער וואס רעדט זיך אפ אויף זיין רבו, איז כאילו ער רעדט זיך אפ אויף די שכינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לֹא עָלֵינוּ תְלֻנֹּתֵיכֶם כִּי עַל ה' (שמות טז, ח). האט ר' אבהו געזאגט, א יעדער וואס צווייפלט אויף זיין רבי, איז כאילו ער צווייפלט אויף די שכינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹקִים וּבְמֹשֶׁה (במדבר כא, ה)", עכ"ל. **און** דאס ווערט גע'פסק'נט להלכה אין רמב"ם (הלכות תלמוד תורה פ"ה ה"א) און אין שו"ע (יו"ד סי' רמ"ב סעיף ב).

**און** דער גאון **רבי שמחה זיסל ברוידא זצ"ל** (בספרו שם דרך) איז מבאר און זאגט, אז "מען זעהט פון דא, אז עס איז נישטא קיין שום אינטערשייד ווער די רבי איז, צו איז דאס משה און אהרן, צו עס איז אן אנדערע מענטש, ווייל מיר זעען אז די אלע דרשות וואס די גמ' לערנט ארויס פון משה און אהרן, ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע הלכה למעשה פאר אלע דורות."

"דאס זעלבע זעען מיר אויך, אין דעם וואס רש"י הק' ברענגט אויפן פסוק וּמֹשֶׁה יִקַּח אֶת הָאֹהֶל וְנָטָה לוֹ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה הַרְחֵק מִן הַמַּחֲנֶה וְקָרָא לוֹ אֹהֶל מוֹעֵד (שמות לג, ז) 'כל מבקש ה', פון דא לערנען מיר ארויס, אז איינער וואס זיכט צו זען די פנים פון אן עלטערע חשובער איד, איז ווי ער וואלט מקבל געווען פני השכינה. נאך א פשט, והיה כל מבקש ה', אז אפי' די מלאכי השרת, ווען זיי האבן געפרעגט ווי איד די שכינה הק', האבן זיינע חברים איהם געזאגט, ער געפונט זיך אין די געצעלט פון משה'."

"זעען מיר פון דעם, אז אפי' משה רבינו איז געווען אין די מדריגה אז אפי' די מלאכי השרת האבן געדארפט צוקומען צו איהם, מיט דעם אלעמען לערנען מיר - פשוטע מענטשן - פון משה רבינו, אז א יעדער וואס זיכט אויפצונעמען די פנים פון אן עלטערע חשובער מאן, איז כאילו ער איז מקבל פני השכינה, ווייל די געצעלט פון א רבי איז די פלאץ ווי די שכינה הק' רוהט", עכתו"ד.

"...ווייל אויב וועט דער אייבערשטער איהם פעדערן און שעלטן, וועט ער נישט וויסן אז ער איז געשאלטן געווארן צוליב וואס ער האט געשאלטן אברהם, און מענטשן וועלן נכשל ווערן אין דעם..."

### » ווי ווייט האבן אונזערע רבי'ס מקפיד געווען אויף דעם ענין פון נישט מכבד זיין א רבי!!

**מען** קען לערנען און זעען אין גמ' אויף אפאר פלעצער, ווי שטארק האבן די תנאים און אמוראים מקפיד געווען אויף דעם פגם פון נישט אבאכט געבן גענוג אויף די כבוד פון די רבי'ס.

**די** גמ' דערציילט (פד:) אז עס איז געווען א ויכוח צווישן רבי און ריש לקיש אויף געוויסע סארטן מעסער'ס צו זיי זענען מקבל טומאה. דערציילט די גמ' ווי פאלגענד: "האט רבי יוחנן געזאגט פאר ריש לקיש, 'א רויבער קען זיך אויס אין זיין רויבעריי' (-וויבאלד ריש לקיש איז געווען א רויבער, פאר ר' יוחנן האט איהם מחזיר בתשובה געווען, דעריבער קען ער זיך אויס אין די סארט מעסער'ס פון רויבער. רש"י). האט ער איהם צוריקגעענטפער 'און וואס האסטו אויפגעטוהן מיט מיך מחזיר בתשובה זיין, דעמאלטס האט מען מיר גערופן 'רבי' (-די הויפט פון די רויבער. רש"י) און היינט רופט מען מיר רבי'. האט ר' יוחנן צוריקגעענטפערט 'איך האב אויפגעטוהן אז איך האב דיר צוריקגעברענגט אינטערן פליגלן פון די שכינה'."

**דערציילט** ווייטער די גמ' ווי פאלגענד: "האט ר' יוחנן געהאט חלישות הדעת פון די ווערטער פון ריש לקיש, און אין רוזאלטאט פון די הקפדה איז ריש לקיש קראנק געווארן. איז אריין צו ר' יוחנן די ווייב פון ריש לקיש (וואס איז געווען די שוועסטער פון ר' יוחנן) און זיך געבעטן צו איהם אז ער זאל מתפלל זיין אויף איהם וועגן אירע קינדער, האט ער איר געענטפערט מיטן פסוק עָזְבָה יְתֹמֶיךָ אֲנִי אֲחַיֶּה (ירמיהו מט, יא. -ד"ה, איך וועל שוין דאגה'ן פאר אלע זייערע באדערפעניש). האט זי זיך געבעטן, דאווענען אויף איהם צוליב מיר (-איך זאל נישט ליידן פון זיין אן אלמנה), האט ער איר ממשיך געווען די פסוק און געזאגט וְאַלְמְנוֹתֶיךָ עָלַי תִּבְטָחוּ (-ד"ה, איך וועל זארגן אויך פאר דיר). איז ריש לקיש נפטר געווארן", עכ"ל פון די גמ' וואס איז נוגע צו אונזער ענין.

**מיר** האבן נישט די מינדסטע מושג צו פארשטיין די דין ודברים וואס איז געווען צווישן די צוויי גרויסע אמוראים, און די מפרשים מוטשען זיך שוין מסביר צו זיין די גאנצע ענין. וואס מיר דארפן אבער ארויסנעמען פון דעם איז - ווי דער **גאון רבי שמחה זוסל ברוידא זצ"ל** ברענגט ארויס - די שרעקליכע פגם וואס איז דא אין מזלזל זיין אין א רבי, וואס אפי' ר' יוחנן וואס איז געווען פון איין זייט א גאר דערבארימדיגער מענטש, ווי מען זעהט אין גמ' (ברכות ה: און אין רש"י און תוס' דארט) אז ער פלעגט ארום גיין מיט א קליינטשיגע ביינדל פון זיין צענטן זוהן וואס איז אוועק בחייו, און טרייסטן אנדערע מענטשן, אבער ווען עס איז געקומען צו כבוד התורה און כבוד רבו, האט ער נישט מסכים געווען בשום אופן מוחל צו זיין אויף דעם, און אפי' עס האט זיך גערעדט פון זיין אייגענע משפחה מיטגלידער.

**נאך** ווערט דערציילט אין גמ' (מסכת בבא קמא קיז.) ווי פאלגענד: "האט ער געזעהן (-ר' יוחנן) אז זיינע ליפן זענען צושפאלטן (-די ליפן פון רב כהנא), האט ער געמיינט אז ער לאכט פון איהם, האט ער געהאט חלישות הדעת, און ער איז נפטר געווארן". (-און ווייטער דערציילט די גמ', אז מען האט אויפגעקלערט פאר ר' יוחנן אז רב כהנא האט נישט געלאכט, נאר זיינע ליפן זענען צושפאלטן, האט ער מתפלל געווען אויף איהם און איהם מחיה מתים געווען).

**נאך** דערציילט די גמ' (בבא מציעא פד:) אויף ר' אלעזר ב"ר שמעון, אז ער איז געלעגן נאך זיין פטירה צווישן אכצן און צוויי אין צוואנציג יאר אויפן בוידעם, און זיין גוף איז געבליבן גאנץ און פריש. איין טאג האט זיין פרוי געזעהן א ווארים ארויסקומען פון זיין אויער, האט זי זיך אנגעהויבן צו זארגן וואס גייט זיין מיט איהם, האט ער זיך באוויזן צו איר אין חלום און געזאגט אז דאס איז נאר א שטראף ווייל ער האט אמאל געהערט ווי מען פארשעמט א תלמיד חכם און ער האט נישט מוחה געווען ווי אזוי עס דארף צו זיין.

**זעען** מיר פון דעם קענען מיר די גרויסקייט פון די ערליכע אידן פונעם דור, און וויפיל מען איז מקפיד אויף זייער כבוד אויף יענע וועלט.

**פון** דעם אלעם זעען מיר, אז מען שפילט זיך מיט פייער ווען מען איז מזלזל און די כבוד פון א רבי, און אונזערע הייליגע רבי'ס האבן בשום אופן נישט מוותר געווען אויף דעם.

**און** זעה נאר מורא'דיגע ווערטער פונעם אור החיים הק', וואס איז מבאר פארוואס די תורה הק' טוישט די לשון ביי די קללה פון די ברכה, ווייל עס שטייט אין פסוק וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר (בראשית יב, ג), וואס די פונקטליכע טייטש פון דעם איז 'איך וועל בענטשן דער וואס בענטשט דיר, און דער וואס שעלט דיר וועל איך שעלטן'. און לכאו' וואלט געדארפט שטיין בייביידע די זעלבע לשון, אדער זאל שטיין אויך ביי די קללה 'איך וועל שעלטן דער וואס שעלט דיר', אדער זאל שטייט ביי די ברכה 'דער וואס בענטש דיר וועל איך בענטשן'.

**איז** דער **אור החיים הק'** מסביר מיט דעם פאלגענדן לשון: "די טעם איז, ווייל דער וואס וועט בענטשן אברהם, וועט דער אייבערשטער פעדערן און איהם בענטשן נאך פאר ער וועט בענטשן אברהם, דאגעגן דער וואס שעלט איהם, וועט דער אייבערשטער איהם נישט פעדערן און שעלטן. און די סיבה פון דעם איז, ווייל אויב וועט דער אייבערשטער איהם פעדערן און שעלטן, וועט ער נישט וויסן אז ער איז געשאלטן געווארן צוליב וואס ער האט געשאלטן אברהם, און מענטשן וועלן נכשל ווערן אין דעם וכו'", עכ"ל.

**זעהט** מען, ווי די תורה הק' האט משנה געווען די גלייכקייט און די ריכטיגקייט פון די וועג ווי אזוי די תורה הק' וואלט געדארפט ווערן געשריבן, אלעס כדי צו ממחיש זיין קלאר, די שטראף פון איינער וואס איז מזלזל אין דעם צדיק, און כדי ער זאל וויסן אויף וואס ער האט באקומען זיין שטראף.

**און** לויט דעם אלעם קען מען פארשטיין די נוסח וואס מיר זאגן ביים דאווענען 'על הצדיקים ועל החסידים ועל זקני עמך בית ישראל', און לכאו' איז זייער שווער פארוואס האבן אנשי כנסת הגדולה געטוישט די נוסח ווען עס קומט צו די 'זקנים', און אנשטאט צו זאגן 'ועל הזקנים' פונקט אזוי ווי מען זאגט 'על הצדיקים ועל החסידים' זאגט מען 'על זקני עמך בית ישראל'.

**נאר** פשט פון דעם איז, ווייל די אנשי כנסת הגדולה האבן געוואלט דריקן או קלאר באטאנען די געדאנק, אז 'זקני' גייט אין צוזאמענהאנג מיט 'עמך ישראל', ווייל אן דעם וואס זיי זענען די 'זקנים פון כלל ישראל', איז נישט דא קיין אויפטו פון די זקנים.

גליון ק"נ - פ' בהעלותך - תש"פ לפ"ק

# מודה אני...

לקט רשימות רעיונות

## התחזקות באמונה ובטחון וקבלת יסורים

מהרה"ח ר' מרדכי יצחק בן פיגא יהודית סאמעט הי"ו

בעת אמירת "מודה אני" מידי יום ביומו

בבית הכלא

מיוחד למערכת להתענג

## זונטאג פונעם הייליגן חג האמונה - ב' דחול המועד פסח

היינט איז חול המועד, און חז"ל האבן געאסרט צו טוען א חלק פון די מלאכות, און א חלק מלאכות האט מען מתיר געווען, און בנוגע שבעולם ווען מען איז אויף דער פריי אז מען האלט זיך נישט אפ צו טוען מלאכות וואס איז מותר, ובפרט אויב עס איז א צורך המועד, אבער ווען מען איז דא אין טורמע, און מען דארף בדרך כלל נישט טוען קיין מלאכות, ממילא האלט מען עפ"י רוב די חול המועד טעג אזוי ווי שבת, און מען טוט נישט קיין מלאכות, ובפרט היי יאר ווען מען איז איינגעשפארט אינעם צעל און מען קען ממילא כמעט נישט טוען קיין מלאכה, ממילא האלט מען די טעג בקדושת חול המועד אזוי ווי שבת קודש, און רוב פונעם טאג איז מען עוסק בתורה ובתפילה מיט א געהויבנקייט, און אזוי ווי שטענדיג רעכט מען אפ אלע תפילות "בשם כל ישראל", און מען שפירט א באזינדערע טעם אין די תפילות און אינעם הלל.

## א געשמאקער באזוך

ארום 12:00 איז ערשינען אונזער ראביי הרב ריכטער שליט"א, און מיר האבן גערעדט איבערן ניי געשאפענעם מצב אז מען קען שוין נישט גיין צום טשאפל, צוליב וואס איינער איז אנגעשטעקט געווארן פונעם ווירוס (ווי דערמאנט פריער), און עס איז געווארן שווער בנוגע דאס מסדר זיין די מאכלי החג על צד היותר טוב והכשרות, און ב"ה אז ער האט אויף זיך גענומען, אליינס אלעם מסדר צו זיין, און ער האט ברוב טובו וחסדו יעדן טאג פארברענגט אפאר שעה אינעם טשאפל און געטון די ארבעט וואס איך פלעג טוען אלעם כדי אז די חרדישע ארעסטאנטן זאלן זיין מסודר, און איך וויל איהם ווידער באדאנקען דא פאר זיין געטריישאפט, וואס באמת איז ער געטריי פאר אלע ארעסטאנטן צוגלייך, אבער דא האט ער ארויסגעוויזן זיין געוואלדיגע אחריות אז די חרדישע אידן זאלן האבן וואס צו עסן במשך פון די ימי חג הפסח, ישלם ה' פעלו און ער זאל געבענטש ווערן בכל הברכות האמורות בתורה, אכיה"ר.

היינט האט זיך אנגעהויבן נאך א נייער איינפיר אז יעדן טאג האט מען צוויי מאל א טאג געמאסטן די פיבער, דער סדר גייט צו אז עס גייען

**הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים הִרְוַנִי לַעֲנָה**

# זמן חירותינו - אינטערן שלאס און ריגל (ו)

## א איבערזיכט פון חג הפסח אין אטעסוויל שנת תש"פ לפ"ק - אינטערן שאטן פונעם "קראנא ווירוס"

ארום צוויי ארבעטער פון די "מעדיקל דיפארטמענט" און באגלייטונג פון א וועכטער, און זיי קלאפן אריין אין יעדן צעל, דער וועכטער עפנט די טיר, און זיי גייען אריין, איינער מעסט די פיבער און דער צווייטער דאקימענטירט עס.

ויהי ערב ויהי בוקר יום שני.

### מאנטאג חג הפסח – ג' דחול המועד

היינט האט געהערשט א שטארקער "נעפל", און ווי שוין דערמאנט עטליכע מאל און אונזער באשרייבונג, אז ווען עס הערשט א נעפל האט דאס באזינדערע מנהגים, וואס איינס דערפון איז, אז עס איז נישטא קיין "מאוו" דאס הייסט אז דער אפטיילונג איז פארשפארט, בנוסף לזה איז דא א מנהג אז מען ציילט יעדע שעה נאכאמאל, און היינט וואלט ווען געדארפט זיין דער שעה וואס מען געט צו קענען ארויסגיין פון צעל און נעמען א שויער, אבער צוליב די נעפל האט מען אונז דאס נישט געגעבן, גם זו לטובה!

איינס פון די מאדנע זאכן דא אין טורמע, איז אז אלעס גייט מיט א "סיסטעם", און עס איז נישט קיין נפק"מ אפילו אויב דאס איז בכלל נישט נוגע אויף למעשה, דאך ווערן זאכן געטון לויטן "פראטאקאל".

לדוגמא, וואס מיר האבן היינט געזעהן, ווען עס האט היינט געהערשט דער שטארקער "נעפל", זענען אלע משוגעת'ן אנגעגאנגען כאילו עס איז א געהריגער טאג, ובעיקר אז מען האט יעדע שעה געציילט די ארעסטאנטן... וואס אליבא דאמת איז דער סיבה דערצו פארוואס מען ציילט די ארעסטאנטן בשעת א נעפל, צוליב וואס די שטעכל דראטן וואס געפונט זיך ארום דער טורמע איז פארנעפלט און מען קען דאס נישט זעהן מיטן אויג, ממילא האבן זיי מורא אויב איינער איז נישט נעלם געווארן, - וואס באמת דארפן זיי נישט מורא האבן, ווייל די דראטן זענען עלקטראניש און מען קען עלעקטערידזרט ווערן ווען מען כאפט דאס אן, בנוסף לזה זענען דארט פארהאנען ספעציעלע "סענסארס" וואס שפירן אויב עפעס דערנענטערט זיך דערצו, אבער דא גייט דאך יעדע זאך אז מען נעמט נישט קיין "טשענסעס", און זיי זענען חושש אפילו אויף א דבר שאינו שכיח, ממילא האלטן זיי אן א שטארק וואכזאמער אויג אויף אלע פראנטן.

נו, אין געוועגטליכע אומשטענדן איז דאס "לשיטתם" פארשטענדליך - אבער ווען מען איז אין א מצב אז מען איז פארשפארט אינעם צעל ואין יוצא ואין נכנס ואין בא - וואלט דאך געווען א סברא אז אין די "לאקדאון" צייטן ווען אלע טורמע איינוואוינער זענען הערמעטיש פארשפארט און פארזיגלט און עס איז נישט מעגליך זיך ארויסצוזעהן פון די ד' אמות, לכאורה אין אזא צייט איז דאך דער גאנצער ציילן א איבריגע זאך, אבער... ראה זה פלא, היינט איז געווען א נעפל, און מען האט געציילט די ארעסטאנטן יעדע איינציגע שעה כאילו מען איז אינדרויסן, וואס דאס איז ממש א אומפארשטענדליכע זאך, אבער אזוי ווי מיר האבן א כלל "מאויבי תחכמני" האב איך מיר מתבונן געווען דערפון א מוסר השכל אז אזוי ווי זיי האלטן אן זייער געוועגטליכער סדר אן קיין שינוי כל דהוא, אפילו עס איז דא א "לאקדאון", אזוי אויך דארפן מיר אנהאלטן אונזער סדר אפילו עס איז א שווערער מצב און נישט נאכלאזן פון אונזער פלוכטן לאבינו שבשמים אפילו א "קיצו של יוד".

### מען טיילט אויס "מאַסקעס"

היינט מאנטאג האט מען אויסגעטיילט פאר אלע ארעסטאנטן "מאַסקעס", און מען האט פאראדענט אז ווען מען גייט נאך ארויס פונעם צעל ביי די שעה מיז מען האבן א מאַסק, און לויט ווי איך האב געהערט איז דאס אויך געווארן א געזעץ און גאנץ ניו יארק סטעיט אז ווען מען דרייט זיך אין א עפנטליכער פלאץ דארף מען האבן א מאסק, און דא האט מען אויך מחמיר געווען אז ווען א וועכטער עפנט אויף דעם צעל דארף דער ארעסטאנט

גלייך אנטוען דעם מאסק, און דא אין טורמע האט מען נישט קיין צוויי ברירות, און ווען מען הייסט עפעס דארף מען גלייך פאלגן!

היינט איז הרב ריכטער שליט"א מיר ווידער געקומען באזיכן, וואס זייענדיג פארשפארט פון די דרויסענדיגע וועלט איז דאס א געוואלדיגע חסד, אז מען קען רעדן א אידיש ווארט מיט א היימישן מענטש, דער ראביי האט מיר געברענגט אביסל נייעס פון די דרויסענדע גאס, וויאזוי כלל ישראל האט געפראוועט דעם יום טוב פון פסח אינטערן "לאקדאון", וויאזוי די מנינים זעהן אויס אין די גאסן, און ליידער אויך איבער דער שווערער מצב פון כלל ישראל, וואס מען האט פארלוירן אזויפיל אבידות ה"י, השי"ת יאמר לצרות ישראל די.

אזוי ווי עס האלט שוין כמעט ביים ענדע פון די 14 טעג, האב איך געפרעגט דעם ראביי וואס ער וויסט וואס עס וועט זיין נאך די 14 טעג, האט ער מיר געזאגט אז לויט זיין ידיעה וועט מען עס פארלענגערן אויף נאך א לענגערע צייט, וויל די פאלעסי פון די פעדעראלע רעגירונג האט נאך נישט נאכגעלאזט, בנוסף לזה האט "ניו יארק סטעיט" זעלבסט ארויפגעלייגט נאך שווערערע געזעצן, און מיר זענען משעובד סיי צו די פעדעראלע געזעצן און סיי צו די סטעיט געזעצן.

נאך א לענגערע שמועס וואס האט אנטלהאלטן אויף דברי תורה און התחזקות און מעניני דיומא פון חג הפסח, האט זיך הרב ריכטער פון מיר ווארים געזעגנט, ווייל ביז נאך יום טוב אסרו חג וועט ער נישט דא זיין, און מיר האבן זיך געווונטשן א גוט יום טוב און א גוט שבת!

## דינסטאג – ד' חול המועד – ערב שביעי של פסח

היינט האב איך מיר מתבונן געווען אז אזוי ווי מארגן מיטוואך איז דער טאג וואס מען לאזט ארויס אויף א "שעה" צו קענען מאכן א טעלעפאון קאל, און נעמען א "שויער", און אזוי ווי מארגן גייט זיין יום טוב "שביעי של פסח", און מען וועט דאס ליידער נישט קענען טוען.

קודם האב גע'חזרט אז אלעס איז מן השמים און גארנישט טוט זיך נישט אליינס, און אויב דער אייבישטער פירט אזוי איז אוודאי גוט, און אלעס איז בהשגחה עליונה.

שפעיטער האב איך באמערקט אז היינט איז אין אמת א וועכטער וואס האט א שטיקל הארץ און מען קען רעדן צו איהם, האב איך געבעטן דעם וועכטער אז ער זאל מיר ערלויבן צו מאכן א טעלעפאון קאל צו מיין משפחה, און אזוי אויך צו נעמען א שויער, ווייל נעכטן האט מען נישט געקענט צוליב דעם נעפל, און מארגן וועל איך נישט קענען צוליב יום טוב, און איך האב איהם דערמאנט אז פאר מען האט אנגעהויבן דעם "לאקדאון" און עס איז פארגעקומען דער מיטונג מיטן הויפט "ווארדן" האט איך געפרעגט וואס עס וועט זיין בנוגע די יום טוב טעג, אז איך וועל נישט קענען באקומען קיין שויער און קיין טעלעפאון, האט מיר דער ווארדן געזאגט אז עס וועט נישט זיין קיין פראבלעם און מען וועט דאס מסדר זיין, האט ער מיר געזאגט אז ער איז נישט אטארעזירט צו געבן רשות דאס צו ערלויבן, נאר ער דארף פרעגן א וועכטער פון א העכערע ראנג.

נאך א שטיק צייט איז ער צוריק געקומען אז מען האט מיר ערלויבט צו נעמען שויער, אבער נישט צו מאכן א טעלעפאון קאל, האב איך מיר געפרייט און געגבן א שבח והודאה להקב"ה אז איך וועל כאטש האב א מקוה (ט' קבין) לכבוד יום טוב, און אויב וואלט איך נאר געפרעגט א צווייטער וועכטער וואלט ער מיר דאס אויך נישט נאכגעגעבן, הודו לה' כי טוב!

און די שעות פארן יום טוב האט מען זיך צוגעגרייט צום הייליגן יום טוב "שביעי של פסח", וואס איז מיוסד אויף "ויאמינו בה'" צו קונה זיין אמונה און השפעות טובות פון ביזת הים.

## די שווערע איבערלעבענישן צוליב דער "קראנא-לאקדאון"

מען דארף ארויסברענגען אביסל די שוועריקייטן פון דעם יום טוב פסח אינטער די שווערע אומשטענדן, חוץ פון די איינזאמקייט צו זיין עלנד אליינס ווייט פון די טייערע משפחה, און צווישן טינקעלע גרויע ווענט.

א] דאס נישט האבן קיין "מנין", וואס געווענטליך יום האט מען רוב טעג די געלעגנהייט צו דאווענען מיט מנין, ווייל אויך די אנדערע חרדישע ארעסטאנטן וואס געווענטליך דרייען זיך זיי ארויס פון דאווענען מיט מנין יעדן שבת אדער אנדערע צייטן ווען מען קען זיין צוזאמען אינעם טשאפל, אבער ווען עס קומט א יום טוב זענען זיי יא אינטערסירט אז מען זאל פראווענען די יום טוב'דיגע תפילות ברוב עם הדרת מלך, מיטן יום טוב'דיגן נוסח, אבער היי יאר צוליב דעם "קראנא-לאקדאון" האט מען זיך נישט געקענט צוזאמענקומען.

ב] דאס נישט האבן באזיכער - וואס חוץ מזה וואס געווענטליך יעדע וואך האט מען "וויזיטונג טעג", זונטאג און מאנטאג, וואס דאס איז א גאנץ יאר זייער וויכטיג, און דאס נעמט אונז ארויס פון טורמע אויף די פאר שעה, ובפרט פאר א יום טוב וואס חוץ וואס די בענקעניש צו די משפחה איז זייער שטארק, אוןן ווען די קינדער און אייניקלעל קומען באזיכן געט דאס א שטיקל נחמה,

בנוסף לזה קומען מיר באזיכן גאר געטרייע טייערע אידן וואס במשך פון די יארן האב איך מיר גאר שטארק באפריינדעט מיט זיי, און פאר א יום ווערט געוועגטליך איבערגעשמועסט אלע עניני החג, וואס דאס העלפט מיר ארויס אלץ הכנה פאר די געהויבענע טעג, ובפרט ווען מען רעדט נאך פון די טעג פון פארן יום טוב פסח וואס די הכנה פארן יום טוב איז דאך אזוי וויכטיג, אבער היי יאר האב איך נישט געהאט קיין באזיכער זייט דעם יום טוב פורים, בנוסף לזה איז איינגעפירט אז אין חול המועד ווערט ארענדשירט א יום טוב צוזאמקום, ווי עס קומען פארשידענע בעלי מנגנים ובעלי דרשנים מיט כלי זמר און מען איז זיך משמח לכבוד יום טוב, וואס דאס ברענגט אונז אביסל אריין אין א יום טוב'דיגן אטמוספער, אבער היי יאר איז דאס נישט פארגעקומען, און די ימי חול המועד איז געווען עלנד און אליינס, ממילא וויל איך ווידער ארויסברענגן לשבח פון אונזער ראביי הרב ריכטער שליט"א וואס האט זיך אנגעשטרענגט און מיר געקומען באזיכן צוויי מאל במשך פון חול המועד, ווייל יעדעס ווארט וואס מען קען רעדן מיט נאך א מענטש פון אינדרויסן געווען פאר מיר כמוצא שלל רב.

ג] אפילו דאס ביסל פרייהייט וואס מיר האבן שוין געהאט אז מען קען מאכן א טעלעפאון קאל, און נעמען א שויער, האבן מיר דעם חול המועד נישט געהאט (חוץ ערב שביעי של פסח), וואס פאר מיר מיינט דער שויער אויך אביסל ט' קבין במקום מקוה, און אזוי אויך דאס נישט קענען רעדן מיט די בני המשפחה, ובפרט אין די יום טוב טעג איז נישט קיין גרינגע זאך אראפצושלינגען, אבער אזוי ווי אייביג האבן מיר געזאגט גם זו לטובה!

## דער יום טוב שביעי של פסח אין טורמע

טראץ די שוועריקייטן און אומאנגענעמע מצבים בגשמיות דאך איז דאס א געלעגנהייט אז מען קען קונה זיין מדריגות אין אמונה וואס מען קען נישט קונה זיין אינטער אנדערע אומשטענדן, ווייל ווען מען געפונט זיך אליינס סגור ומסוגר איז מען זיך מער מתבונן אין יעדע זאך מיט א ריכטיגע התבוננות ביז דער אייבירשטער העלפט אז מען שפירט א אמת'דיגער זיסער טעם דערינען.

אביסל אראפצולייגן דעם טעם אינעם יום טוב, איז דער התבוננות אינעם "אתה בחרתנו", וואס ווען מען זאגט דאס אין אזא מצב פון חושך, ווען מען טראכט אריין אז דאס איז אלץ נאר נסיון פון הימל וואס דער אייבירשטער וויל זעהן ווי געטריי מיר זענען פאר איהם און מיר פארלירן נישט די אמונה אפילו ווען מען איז אין זייער א שווערן מצב, און ווען מען טראכט אריין אז דער אייבישטער דער מלך מלכי המלכים האט מיר אויסגעוועלט אז איך זאל ביישטיין דעם שווערן נסיון, און דער אייבשטער האט אין מיר אריינגעלייגט א נאמנות אז איך האב די כוחות הנפש דאס אויסצוהאלטן, וואס סאס איז באמת נוגע אויך פאר כלליות עם ישראל בכלליות און פאר יעדן איד בפרטיות, אז דער אייבירשטער האט אויסגעוועלט כלל ישראל צו זיין זיינע עבדים אז זיי זאלן גלייבן באמונה שלימה אין איהם, און זיך האלטן אין אלע שווערע מצבים און נישט צוזאמברעכן, נאר מיר גלייבן אז "הוא לבדו עשה ועושע ויעשה לכל המעשים", און אפילו מען זעהט נישט גארנישט קיין ליכטיקייט דאך גלייבן מיר באמונה שלימה.

ובפרט ווען מען לעבט דא צווישן די גרועים שבאומות העולם, און מען זעהט וויאזוי זיי פירן זיך אויף, און ווי וויט זיי זענען אויפגערעגט און צוגעלייגט, און זיי שעלטן יעדן טאג אויף דער מצב, און להבדיל וויאזוי מיר אידן זענען זיך מחזק און נעמען אן יעדע שוועריקייט לטובה, וואס דאס ברענגט ארויס דער שבח והודאה פאר הקב"ה אז מיר זענען דער עם הנבחר!

דער סדר היום טוב האט מען בעז"ה אפגעראכטן כדבעי, מיטן זינגען די שירה בהתלהבות ובשמחה רבה, און מיטן זאגן די שירה פסוק בפסוק בהתלהבות, מען האט זיך פארגעשטעלט במחשבה אז מען געפונט זיך צווישן רבבות אלפי ישראל און מען זאגט די שירה "אז ישיר משה ובני ישראל".

היינט האט מיר באקומען א ידועה אז דער "לאקדאון" גייט זיך צוען אויף נאר א חודש 5/8 למספרם, וואס דאס קומט אויס כ"ד אייר, און זיי האבן אונז געמלאדן אז זיי גייען אביסל גרינגער מאכן אפאר זאכן, א) אז צווישן איין טעלעפאן קאל ביזן צווייטן וועט מען נאר מיזןווארטן 15 מינוט, אנשטאט א האלבע שעה, וואס דאס איז א שטיקל פארלייכטערונג, ווייל אזוי קען מען כאטש מאכן אפאר טעלעפאון רופן במשך פון די "שעה", ב) אז מען וועט קענען קויפן פונעם קאנטין פאר מער געלט יעדע וואך.

אבער די אלע זאכן וואס זיי זאגן אז זיי טוען דאס לטובותינו דארף מען וויסן אז זיי מיינען גארנישט אונזער טובה, נאר דער אייבירשטער גיט אריין אין זייער הארץ אז זיי זאלן צומאל אונז געבן פארשידענע טובות, און וואס דער אייבירשטער טוט איז גוט.

היינט מיטוואך שביעי של פסח בשעת די שעה בין איך געגאנגען באזיכן ידיד נפשי הרה"ח ר' שלום ווייס שליט"א, וואס מיין שעה און זיין שעה זענען אנדערע שעות, פארשטייט זיך אז עס איז נישט גרינג צו רעדן און

שמועסן אינטער פארשלאסענע טירן וואס עס איז נאר דא א קליינער פענסטער, אזוי אז מען קען שווער הערן זיין קול, אבער דאך איז אזא באזיך כמים קרים על נפש עייפה, נאכדערצו ווען עס איז יום טוב, ווען עס גליסט זיך צו קענען רעדן מיט א היימישן איד, די זעלבע זאך האט זילך איבערגעחזרט ביי די שעה וואס הר"ר שלום

# דער אייבירשטער איז ארויס מיט ריוח...!!

איצט בנוגע דאס וואס כלל ישראל האט במשך פון אפאר וואכן געמוזט ארויסגיין פון די בתי מדרשים, דאס דערמאנט אונז א מעשה פונעם דער הייליגער בארדיטשעווער דער קדושת לוי זי"ע וואס האט אמאל פארציילט אז ער האט אמאל געזעהן אין חודש אלול דער שטן ווי ער איז זייער פרייליך האט ער איהם געפרעגט וואס ביסטו אזוי פרייליך?, האט דער שטן גענטפערט אז יעדע יאר ווען אידן קויפן אתרוגים אויף יום טוב סוכות און אידן לאזן זיך קאסטן פאר א טייערע אתרוג, ווערט א מורא'דיגער נחת רוח אין הימל, בין איך געגאנגען און איך האב מסדר געווען אז דער שיף ווי די אתרוגים זענען אנגעקומען זאל איינזינקען אזוי וועט נישט זיין קיין אתרוג אויף סוכות, וועגן דעם בין איך פרייליך.

אבער ווען עס איז געקומען סוכות האט ער געזען אז דער שטן איז זייער טרויעריג, פרעגט ער איהם פארוואס?, זאגט ער איך האב טאקע מונע געווען אז עס זאל נישט זיין קיין אתרוגים, אבער וואס האט זיך אויסגעלאזט?, אז עס איז נאר געווען איין אתרוג אויף יום טוב, און ווען עס איז געקומען סוכות אינדערפרי נאך פארן עלות זענען אידן געשטאנען און די רייע שעות אריכות, נאר כדי צו קענען געבן כאטש איין שאקל מיט די ד' מינים, און דער נחת רוח אין הימל איז געווען אזאך מער ווי אלע יארן ווי מען האט געזעהן ווי אידן פלאגן זיל מקיים צו זיין די מצות מיט אזא חביבות!

די זעלבע זאך קען מען זאגן היינטיגע צייטן, אז דער שטן האט געוואלט מונע זיין אידן פון דאווענען מיט מנין און נישט גייו אין מקוה, און אזוי אויך צו ח"ו שטערן די מצות החג, שטייענדיג פארן יום טוב פסח, אבער למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט פונקט פארקערט!

כלל ישראל האט ארויסגעוויזן א חביבות פאר אלע מצות, מען האט זיך מוסר נפש געווען צו דאווענען אין די קעלט און אין רעגן, מען האט מקיין געווען אלע מצות החג, ביעור חמץ און איכלת מצה, אידן האבן זיך מוסר נפש געווען צו ראטעווען אנדערע אידן, מיט עצה ותשיה, דער נחת רוח איז ארויגעקומען אסאך מער ווי אנדערע יארן, מי כעמך ישראל!

אזוי אויך איז ידוע די מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן לובלינער, אז ער האט געהאט א תלמיד הרה"ק רבי שמואל זי"ע, וואס פאר פסח האט ער געמאכט א הכנה דרבה צום יום טוב, און אזוי האט ער אפגעפראוועט דעם ערשטן סדר מיט א געוואלדיגע בהירות המוחין, פארן צווייטן סדר איז ער געווען זייער אויסגעמיטשעט, האט ער זיך אביסל צוגעלייגט, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט איז שוין געווען זייער שפעהט, האט ער שנעל אפגעפראוועט דעם סדר מיט א צובראכן הארץ.

נאך פסח ווען ער איז געקומען צום חוזה, האט דער הייליגער חוזה זי"ע געזאגט לאמיר אפירנעמען די סדרים פון ר' שמואל, דער ערשטער סדר איז געווען כמעשה, אבער דער צוויטער סדר האט געלאכטן אין אלע עולמות, ווייל ווען א מענטש טוט וואס ער קען מיט א לב נשבר איז דאס זייער חשוב, אזוי אויך האבן אסאך מענטש געפראוועט דעם סדר מיט א צובראכנקייט, אז מען האט שיך נישט געקענט צוגרייטן געהעריג, אסאך ראשי המשפחה זענען געווען אליינס, אט דאס איז זייער חשוב און עס לייכט און שיינט אין אלע עולמות!

אט דאס זענען מיינע מחשבות נאך דעם היסטארישן יום טוב פסח וואס מיר זענען אריבער היי יאר, תמצית היוצא מכל זה, אז מיר זענען גליקלעך אז מיר זענען אידן, ווייל פאר אונז אידן פעלט קיינמאל גארנישט, דער אייבישטער זאל אונז העלפן אז אלע אידן זאלן זיין בבריאות השלימות בגשמיות וברוחניות, מיט אלעס גוטס, א געזונטן זימער מיט אלע השפעות טובות בשפע רב גדול מאוד, מיט א גאנצע ישועה, אמן.

האט געהאט ווען ער איז מיר געקומען באזיכן, מיר האבן פארברענגט מעניני דיומא און זיך מתחזק געווען, הודו לה' כי טוב!.

## אחרון של פסח

אסאך שטייט שוין אין די ספרים דער טעם פארוואס עס ווערט אנגערופן מיטן נאמען "אחרון של פסח", און ווי ספרים ברענגען ארויס איז דאס א געוואלדיגער "עת רצון", ווייל אום יום טוב פסח איז פאראהאנען א געוואלדיגער השראת השכינה, און דער אייבירשטער קומט אראפ צו די אידישע הייזער, אבער ווען עס קומט דער לעצטער טאג און דער אייבירשטער געזעגנט זיך פון כלל ישראל, און בשעת וואס מען געזעגנט זיך קען מען אויסבעטן אלעס גוטס, ממילא האבן מיר זיך צוגעגרייט אויסניצן דעם טאג צו קענען פועל'ן אלע גיטע השפעות פאר זיך און פאר כלל ישראל.

איך בין אויפגעשטאנען פארטאגס און איך האב אויסגעזאגט כל ספר תהלים, און דערנאך די הכנות צום דאווענען דער דאווענו בהשתפכות הנפש, און אזוי אחרון של פסח איז א טאג וואס וויזט אויף אחדות מיט כלל ישראל, האט מען זיך מאחד געווען מיט כלל ישראל.

אזוי אויך האט מען פארברענגט א גאנצן טאג בשירות ותשבחות, און מיט התבוננות אין די דברי הצדיקים הקודמים ובלימוד ספרי חסידות בגודל קדושת היום, ובפרט בשעת נעילת החג ווי מען האט מאריך געווען בשירה, דערנאך מעריב און ספירת העומר.

## מוצאי פסח

בשעת הבדלה האב איך מיר מתבונן געווען א רעיון, וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ל"ג:) למה קבעו הבדלה בחונן הדעת כי אם אין דעת הבדלה מנין, און די גמרא לייגט צו אמר רבי יוסי מתוך שהוא חכמה, פרעגט זיך די שאלה וואס איז די גרויסע חכמה אין מאכן הבדלה, למשל ווען איינער פארט אויפן וועג און דער וועג ענדיגט זיך, ווייסט מען אז דער וועג האט זיך געענדיגט, די זעלבע זאך ווען עס ענדיגט זיך דער יום טוב ווייסט מען אז עס האט זיך געענדיגט, נו וואס איז די גרויסע חכמה פון מאכן הבדלה?.

נאר איך האב זיך מתבונן געווען אז עס ליגט א גרויסע חכמה דערינען, ווייל ווען עס גייט אריבער א יום טוב, קען זיך דאכטן פארן מענטש אז עס קומען אן שווערע טרויעריגע טעג, ווייל מען גייט ארויס פונעם יום טוב, און די לעכטיגע טעג האבן זיך געענדיגט, וועגן דעם דארף דער מענטש האבן א געוואלדיגע חכמה, אז א מענטש זאל נישט מיינען אז ווען עס ענדיגט זיך דער יום טוב איז אלעס פאריבער, נאר אדרבא יעצט נאך יום טוב הייבט

מען אן צו שעפן פון די השפעות טובות פונעם יום טוב, ממילא איז דאס די חכמה, אז מען זאל וויסן אז אז די השפעות פונעם יום טוב ענדיגן זיך נישט!

היינט האט מען געמאכט אפאר שינוים, א) מען האט אנגעהויבן מעסטן די פיבער נאר איינמאל א טאג, אנשטאט צוויי מאל.

ב) א נייעם סדר לגבי דאס אויסטיילן דאס עסן, ווייל ביז היינט האט מען געברענגט דאס עסן צום צעל, אבער היינט האט מען געמאכט א נייעם סדר אז מען האט געפענט דעם צעל, און מען האט געדארפט אליינס גיין נעמען דאס עסן, וואס מצד א' איז א גיטע זאך אז מען קען כאטש אויף א מינוט צוויי ארויסגיין פונעם פארשפארטן קליינעם צעל, אבער מצד השני האט דאס געברענגט פראבלעמען, ווייל אזוי ווי איך באקום דאך "חלב ישראל", איז ביז היינט האט מען דאס מיר געברענגט אינעם צעל, אבער פון היינט איז כמעט יעדן טאג אויסגעקומען אז אנדערע האבן דאס אוועקגענומען פאר מיר, און מען קען נישט וויסן ווער ווייל יעדער גייט דאך עקסטער נעמען דאס עסן, גם זו לטובה!

ג) נאך א שינוי איז געווארן, ווייל ביז היינט איז געווען א "רום סערוויס" אז עס זענען געקומען ארבייטער און אויפגערוימט די שטובער פון מיסט, אבער פון היינט האט זיך אנגעויבן א מצב אז מען אליינס דאס געדארפט אויפרוימען, און מען האט געגעבן א געלעגנהייט אפאר מינוט ארויסצוטראגן די מיסט.

איך וויס נישט די סיבה פונעם טויש, צו זיי האבן אונז געוואלט אביסל פארגרינגערן אז מיר זאלן האבן אפאר מינוט פרייהייט, אדער זיי האבן זיך פשוט געוואלט גרינגער מאכן.

צום שלוס פונעם באשרייבונג פון די ימי חג הפסח וואלט איך געוואלט אראפשרייבן א מאמר בנוגע די "קראנא טעג" וואס מיר גייען איצט אריבער:

דער פסוק זאגט "כימי צאתינו מארץ מצרים אראנו נפלאות", דאס הייסט אז דער אייבישטער האט מבטיח געווען כלל ישראל אז אזוי ווי מען האט געזעהן נסים ונפלאות און מצרים ווען פרעה האט באקומען מכות, און כלל ישראל האט דורכדעם קונה געווען די אמונה בהקב"ה, און זיי זענען געווואויער געווארן דעם "וידעתם כי אני ה'", אזוי אויך במשך הדורות טוט דער אייבישטער ניסים ונפלאות צו וויזן אז ער איז דער יחיד ושליט בעליונים ותחתונים,

און דאס האבן מיר מיטגעלעבט אין היינטיגע צייט ווען דער אייבישטער האט געוויזן פאר די גאנצע וועלט אז ער איז דער אויסשליסליכער בעל הבית

אויף דער גאנצער בריאה, הן מיט דעם וואס די גאנצע פארגעשריטענע העלט אינדוסטרי מיט אלע זייערע המצאות און שטודיעס האבן זיך נישט א עצה געגעבן, און עד היום הזה וויסן זיי נאכנישט דער באדייט פונעם ווירוס, און וואס פאר א רפואה עס העלפט פאר דעם, און פארוואס ביי געוויסע מענטשן און ביי געוויסע מדינות איז עס געווען שטערקער אדער שוואכער, און וויפיל זיי שטודירן דעם קליינעם ווירוס קומען זיי צו די מסקנה אז עס איז "אצבע אלקים הוא".

ומצד השני וויאזוי די ראשי המדינות ווי זיי פירן זיך אויף כאילו זיי פארשטייען, און כאילו זיי באשיצן די באפעלקערונג, יעדער איינציגער פרעזידענט אדער פרימעיר מיניסטער, גאווערנער אדער מעיאר, יעדער קומט מיט זיינע אייגענע עצות ותחבולות וואס אויב מען וועט אזוי טוען וועט דאס אפהאלטן דעם ווירוס פון פארשפרייטן

מען דארף פארשטיין אז אויך אין מצרים האבן די חכמים והמכשפים פארבירט ארייצולייגן די געטליכע מכות אלץ א דרך הטבע, פרעה הרשע האט אויך געגעבן טעגליכע "פרעס בריפינגס", ווי ער האט געהאלטן געשפאנט זיין פאלק מיט זיינע המצאות און עצות וויאזוי מען קען פטור ווערן פון די אנשיקענישן, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ז, יא) ויקרא גם פרעה לחכמים, און נאך שטייט (שמות י, ז) ויאמר עבדי פרעה אליו... יעדן טאג זענען געווען "נייעס קאנפערענצן" און "פרעס בריפינגס", און די וואס זענען נאך נישט געווען שטארק און אמונה זענען יעדן טאג געשטאנען פאראפט און מיט קעלבערנע התפעלות מיטגעהאלטן די נייעס און המצאות וואס זענען טעגליך ארויסגעקומען אז די מכות זענען נאר בדרך הטבע און נישט געשיקט געווארן פאר זיי פערזענליך דורכן כל יכול, אבער כלל ישראל איז געווארן קלאר אין אמונה אז דער אייבישטער האט געוויזן זיינע כוחות אויף אלע חלקי הבריאה, ווייל ער האט באשאפן די וועלט מיט אלעס ארום, ואשר לו הכח והממשלה בעליונים ותחתונים לעשות בהם כרצונו.

מען דארף זיך עפענען די אויגן און זעהן קלאר אז מיר שטייען איצט אויך אין אזעלכע טעג, ווי דער אייבירשטער האט דא געוויזן פאר די גאנצע וועלט אז ער דער מנהיג היחיד אויף די גאנצע בריאה, און די גאנצע פארגעשריטענע וועלט וואס האט זיך אהערגעשטעלט מיט אלע סארט המצאות וחכמות, אלעס קען זיך נישט קיין עצה געבן, און אלעס וואס די חכמי האומות מיט די ראשי המדינות וואס זיי רעדן איז פשוט נערישקייט, אזוי ווי דער פסוק זאגט "ולאומים יהגו ריק"!.

אזוי אויך האט דער אייבישטער געוויזן אז ווען ער וויל קען ער צוגרינד לייגן די גאנצע וועלט אן קיין שום מלחמות אדער שפיכת דמים, דער אייבירשטער שיקט ארויס א קליינע בריאה און די גאנצע וועלט גייט חרוב, די זעלבע זאך וועט דער אייבישטער טוען ווען עס וועט קומען דער ליכטיגער זמן הגאולה, וועט דער אייבירשטער אויסלייזן דעם עם הנבחר, ופתאום יבוא אל היכלו האדון את אשר מבקשים, בב"א.

## גליון מודה אני

צו באקומען דעם גליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
בנוגע דעם גליון שיקט אן אימעיל צו
MoideAniSamet@gmail.com
אדער רופט\טעקסט אויף 845-202-0461

## שיקט א בריוו

שרייבט פאר הר"ר מרדכי יצחק שליט"א אייערע הערות און געדאנקען אויפן גליון, אדער איבער סיי וואס, ער איז זיך מחי' מיט א יעדע בריוו, אימעיל, טעקסט וואס ער באקומט!

**שיקט איהם א בריוו לדרוש בשלמו**

Mordechai Samet
83253-054
FCI Otisville
P.O. Box 1000
Otisville N.Y. 10963

**אימעיל:** mordchasamet@gmail.com

**טעקסט מעסעדש 718-618-9419**

צו טעקסטן אדער אימעילן קען מען נאר שרייבן אויף ענגליש און מען קען גארנישט עטעטשן

נ. ב. ווען איר שרייבט א בריוו ביטע זעהט אריין צו לייגן א אימעיל אדרעס , אדער א נומער ווי ר' מרדכי יצחק קען אייך קאנטאקטן דורך טעקסט. צוליב וואס צו שיקן א בריוו פון דארט איז פארבינדן מיט געוויסע שוועריקייטן איז דאס גרינגסטע פאר אים אייך צו באדאנקען און לאזן וויסן אז ער האט דערהאלטן דעם בריוו עלעקטעראניש. (ווען ער וויל שרייבן א בריוו מוז ער באקומען פון זיי א אדרעס ארויסגעפרינט אויף א סטיקער, און דאס איז א גאנצע שפיל ביז מען באקומט דאס פון זיי).

א) עס מוז זיין א ווייסע ענוועלאפ

ב) מען זאל נישט לייגן קיין שום "סטיקער" אויף די ענוועלאפ, נישט אויף די ריטורן אדרעס, און נישט אויף די אדרעס פון די תפיסה

ג) די ריטורן אדרעס מוז זיין קלאר געשריבן

ד) בעסער אז מען שרייבט א ריטורן אדרעס אויפן בריוו, ווייל צומאל עפענען זיי די בריוו, און זיי געבן איהם איבער נאר די בריוו און נישט די ענוועלאפ, אזוי ווייסט מען נישט ווער עס האט דאס געשיקט.

# השמיעני את קולך

געקליבענע אויסצוגן פון טויזענטער צוהערער

בס"ד • פרשת שלח תש"פ לפ"ק • גליון 144



**תהלים יומי**

| שב"ק | א' | ב' | ג' | ד | ה' | ו' | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע"ח | ע"ט | פ' | פ"א | פ"ב | פ"ג | פ"ד | פ"ה |

## תפילה עושה מחצה

איך קען א איד וואס האט א סמארטפאון, און אינמיטן דאווענען האט מיר אויפגעבליצט אין מח אז געדאנק אז **איך זאל מתפלל צו זיין פאר אים אז ער זאל עס אוועקווארפן**. איך קען זיין נאמען און זיין מאמע'ס נאמען, און איך האב אים טאקע אינזין געהאט ביים שמו"ע.

**בשעת מעשה איז דורכגעפלויגן אזא מחשבה, 'עה, ער וועט עס אוועקווארפן?!' ער איז ליידער אזוי צוגעבינדען צו דעם, איך האב נישט אויף וואס צו דאווענען.** אבער למעשה האב איך געטראכט אז ס'קען נישט שאטן און איך האב דערמאנט זיין נאמען.

איך האב יעצט געהערט פון איינער, אז דער איד האט געמאלדן אז **ער האט אפגעהאקט פון אלע זיינע סאשעל מידיעא!** ער האט נישט געקענט אויסהאלט די גאנצע מצב מיט די קאראנא און די נייעס וכדו', און ער האט טאקע נאך זיין סמארטפאון, אבער **ער האלט שוין אויף א וועג**. תפילה העלפט!

(מעסעדזש 33232)

## קימו וקבלו עליהם ועל זרעם

***די פאלגענדע מעשה האט פאסירט יום ה' במדבר:***

מיין זוהן האט מיר אנגערופן אויף מיין טעלעפאון צו דערציילן אז היות ס'איז דא א 'קומו וקבלו' מיליאן טעג קאמפיין יעצט, וויל ער זיך אונטערנעמען נישט צו קוקן אין א סמארטפאון, אבער ער האט נישט געוויסט וועלכע פון די ברירות ער זאל אויסוועלן: פאר א חודש, א האלבע יאר, אדער א יאר.

איך האב אים מייעץ געווען אז **וויבאלד ער קוקט סיי ווי נישט אריין אין א סמארטפאון, זאל ער שוין מאכן די קבלה פאר א גאנצע יאר.**

ווען איך בין שפעטער אהיימגעקומען האט מיין זוהן מיר דערציילט אז זיינע חברים האבן אים גערופן אז ער זאל ארויפגיין אויפן דאך ווייל מען פארברענגט דארט מיט אלע יונגלעך. ער איז אהינגעגאנגען, און א אינגערמאן מיט א סמארטפאון איז דארט געווען. ער האט געוואלט מהנה זיין דעם עולם און **ער האט געוויזן א שפיל פאר אלע קינדער אויף זיין כלי.**

**הרה"ג ר' משה שמעון בינעטה שליט"א, דומ"ץ בעלזא:**

**שאלה:** פארוואס קען מען נישט זיין פארנומען אז מען זאל נישט נכשל ווערן מיט שמוציגע זאכן און ראיות אסורות און מען זאל זיכער מאכן אז יעדער כלי האט א גוטע פילטער און מען קען נישט נכשל ווערן אין קיין גראבע איסורים און שוין – **פארוואס מאכט מען אזא בדיעבד פון די גאנצע זאך**, אז ס'איז גורם ביטול זמן און לשון הרע וכדו'? זאל יעדער לייגן א פילטער און נאכדעם מאכן א חשבון פאר זיך וויפיל ביטול תורה ס'איז גורם און וואו זיין שלום בית האלט...

**תשובה:** מען נעמט נישט אוועק די הארבקייט פון ראיות אסורות – ס'איז אודאי זייער א הארבע עבירה, און **די מח און הארץ ווערט פארשטאפט און אוטאמאטיש ווערט ער אויס-ערליכע איד.**

אבער די מסילת ישרים שרייבט, אז די עיקר וואס איז מפסיק אויף עבודת ה', וואס שטערט א מענטש פון חובת האדם בעולמו, איז דריי זאכן: הטירדות העולמית – אז **ער ווערט אזוי איינגעזינקען אין זיינע געשמיות'דיגע זאכן** אז ער קען זיך פשוט נישט אפשטעלן צו טראכטן קיין צוויי מינוט וואו ער האלט אויפן וועלט, צו זיינע קינדער ווערן גוט נתחנך, אויב די שטוב פירט זיך גוט, ער ווערט נתקרב צום אויבערשטן אדער חלילה נתרחק...

**די צווייטע מפסיד איז ליצנות** – דאס אז א מענטש לאכט אפ פון דברים שבקדושה און דאס איז גורם אז מען קען שוין נישט רעדן צו אים. אלעס גליטשט זיך אראפ פון אים אזוי ווי אויל.

**די דריטע זאך איז חברה רע** – מען טרעפט זיך מיט נישט-גוטע חברים, וואס דאס איז גאר שטארק משפיע אויפן מענטש.

איז שוין ארויסגעקומען א פילטער אויף די כלים וואס פילטערט די דריי מפסידים? לעת עתה איז נישטא אזא זאך! **מענטשן ווערן ארייגעצויגן אין דעם און מען פארלירט די גאנצע קאפ און מח**. מען ליגט אין דעם און יעדער מינוט לויפט מען צוריק צו עס. ליצנות ווערט נישט געפילטערט. און חברה רע, מען דרייט זיך מיט חברים מיט וועמען מען וואלט קיינמאל נישט גערעדט און מען הערט דיעות און מאמרים און שיטות פון אזעלכע מענטשן.

**יעדער זאל זיך כאפן וואס א טאג פריער** און מאכן גדרים וסייגים זיך צוריקצושטעלן אויפן ריכטיגן וועג.

(מעסעדזש 33301)

ער איז גראדע נישט קיין שג"ץ און מן הסתם האט ער נישט געמיינט קיין עכטע שלעכטס, אבער דער איינציגסטע וואס האט זיך איינגעהאלטן **און געהאט די שטארקייט נישט ארייינצוקוקן איז געווען מיין זוהן, ווייל די קבלה איז נאך געווען פריש אין זיין מח.**

דער באשעפער האט מקדים געווען די רפואה למכה אז פונקט עטליכע מינוט פריער האט מיין זוהן מיר גערופן צו פרעגן וואס זיך אונטערצונעמען און דאס האט אים געגעבן די קוראדזש זיך צו האלטן פעסט מיט זיין קבלה צווישן די אנדערע קינדער.

***(זיך אונטערצונעמען א קבלה אין די יעצטיגע 3-מיליאן-טעג קאמפיין רופט שוין 718-808-0123 אדער די השומרים טעלעפאון ליין)***

(מעסעדזש 34733)

## היום אתם יוצאים בחודש "האביו"

א בעל הבית האט מיר יעצט דערציילט אז זיין זוהן האט גע'גנב'ט דעם אפיקומן, און ווען דער טאטע האט עס צוריקגעבעטן האט ער געפרעגט וואס ער וויל האבן.

**"איך קען עפעס בעטן וואס וועט זיין גאר שווער? אבער עכט שווער?"** האט דער זוהן געפרעגט זיין טאטע.

"לאמיר הערן, וועט מען זעהן. דו קענסט פרובירן צו פרעגן", האט דער טאטע געענטפערט.

"דו דארפסט מיר גארנישט געבן. איך וויל אז דו **זאלסט צעברעכן דיין סמארטפאון.**"

דער טאטע האט טאקע אזוי געטוען, און דער זמן חריתנו האט באקומען א נייע באדייט...

(מעסעדזש 33605)

## ומאחורי רפאל

איך האב א קינד וואס ליידט שוין א שטיק צייט פון א געוויסע געזונטהייט פראבלעם. איין נאכט איז עס געווארן ערגער און דאס קינד האט נישט געקענט שלאפן, און די מאמע איז אויך געווען אויף א גאנצע נאכט מיט אים. עס האט גורם געווען אן אנגעשטרענגטע מצב אין שטוב.

מען האט פרובירט צו מאכן אן אפוינטמענט מיט'ן דאקטער וואס האט שוין באהאנדלט דער קינד פריער, אבער צוליב דער ווירוס האבן זיי

**הוצאת הגליון לעילוי נשמת** הרה"ק ר' **ישראל אברהם בן הרה"ק ר' אליעזר זוסיא** זצוקללה"ה


**ההפצה במאנסי נתנדב ע"י**
**הרוצה בעילום שמו**
לע"נ הרה"ק **ר' ישראל מרדכי**
בן הרה"ק **ר' יוחנן** זצוקללה"ה
**האדמו"ר מראחמיסטריווקא-ארה"ק**

**הגליון נתנדב ע"י**
הרה"ג **ר' יעקב ברעטטער** שליט"א
מו"ץ בקהילת סאטמאר
ומראשי כולל ראחמיסטריווקא
לרגל **אירוסי בתו** למז"ט

**הגליון נתנדב לע"נ**
הרה"ק ר' **אהרן** בן הרה"ק ר' **ישכר דוב** זצוקללה"ה
**אדמו"ר מבעלזא**

**הגליון נתנדב לזכות**
**משה יואל בן רחל**
לרפואה שלימה
בתושחי"א

ארויסגעגעבן דורך:
**השומרים**

געזאגט אז מען קען נישט אראפקומען צו אים אין אפיס. מען דארף כאפן א בילד פון דעם אויף א כלי און עס שיקן דורך אימעיל, און דערנאך קען מען מאכן אן אפוינטמענט און מען וועט קענען רעדן צום דאקטער'ס געהילף אויפן טעלעפאון.

מיר זענען געווען אין א שטארקע פארלעגנהייט. איינער האט גע'טענה'ט אז מען טאר נישט לאזן א קינד ליידן אזוי, אבער איך האב געהאט אזא הרגשה אז **מען וועט נישט פארדינען דורך נוצן דעם כלי.** מען וועט נישט מאכן קיין בילד און אויב צוליב דעם וועט מען פארפאסן דעם אפוינטמענט, איז עס באשערט אזוי.

צום סוף האט זיך עס אויסגעלאזט אויף א הפלא'דיגע אופן. מען האט אנגערופן פונעם דאקטער'ס אפיס צו פרעגן פארוואס מען האט נישט געשיקט קיין בילד. ווען מיר האבן ערקלערט אז **מיר האבן נישט אזעלכע כלים אין שטוב**, האט מען געענטפערט אז דער דאקטער אליינס וועט אונז אנרופן (ער האט שוין געהאט געזען דאס קינד א פאר מאל עטליכע חדשים פריער).

מיר האבן מסביר געווען די פראבלעם און אויפן טעלעפאון האט ער געגעבן כל מיני מעדיצינען, און אלעס איז געווארן מסודר על צד היותר טוב. און מיר האבן **נאכמער פארדינט אז דער דאקטער אליינס איז געווען גרייט אונז צו באהאנדלען, אנשטאט דעם געהילף** וואס וואלט עס סתם אזוי געטוען.

(מעסעדזש 34825)

## א ריכטיגע בעה"ב - א בעה"ב אויף זיך

מיין חברותא האט מיר דערציילט אז ער האט א ברודער וואס האט געהאט א סמארטפאון. ער האט זיך איינגערעדט אז ער דארף עס לצורך פרנסה, אבער **ער האט זיך באמת געוואלט אפשאקלן דערפון.**

דער ברודער האט מחליט געווען אז ער וועט מאכן א פראבע: פאר 24 שעה וועט ער אוועקלייגן זיין סמארטפאון און עס בכלל נישט אנרירן, און ער וועט זעהן אויב ער קען זיך אן עצה געבן אן דעם.

אומר ועושה. נאך א גאנצע טאג האט ער געזען אז **ער קען געהעריג אנגיין אן דעם** און ער האט מחליט געווען אז ערווארפט עס אוועק. **אז מען קען אן דעם, קען מען דאך אן דעם...**

(מעסעדזש 34812)

## שומר כל עצמותיו

*תשובה איז פארענטפערט געווארן דורך הגה"צ ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א:*

שאלה: מיין טאטע האט אימעיל אויף זיין סעלפאון. ס'איז געבלאקט אז ס'גייט נישט אויף ארויס אבער ס'קען יא אריינקומען אימעילס, ממילא קומט אן בילדער. מעג איך נוצן אזא סעלפאון?

תשובה: **ניין, ניין, ניין!** דיין טאטער טאר אויך נישט, אבער דו קענסט גארנישט טוען וועגן דעם. אבער דו זאלסט נישט נעמען אזא זאך אין די האנט אריין. **איין בילד וועסטו זעהן דארט און דו וועסט צוגרינד גיין!** צוויי, דריי – ביסטו ערלעדיגט! וועסט שוין נישט קענען דאווענען פאר צוויי יאר. **די בילד וועט דיר ארומשווימען אין דיין קאפ. היט דיר דיינע ביינער!**

(מעסעדזש 34663)

## תפוח (שבת קכ"ה) מסריח (רש"י)

אן עלטערע תלמיד חכם, א מרביץ תורה, האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון א זוהן פון כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א, אז ס'שטייט אין זוה"ק אז ווען משיח וועט קומען **וועט דער יצר הרע זיך פארשטעלן ווי אן עפל**, א שיינע עפל, און **אינעווייניג וועט זיין סם.** און כאטש מענטשן וועלן וויסן אז ס'איז א סכנה, וועלן זיי אריינבייסן אין דעם.

היינט איז שוין באקאנט פאר אלעמען אז איינער פון די גרעסטע קאמפעניס וואס פראדוצירן טעכנאלאגישע כלים (אלע סארטן) הייסט עפ"ל, און **דער סימבאל (לאגא) איז טאקע אן אריינגעביסענע עפל.**

(מעסעדזש 34008)





חי כעחך ישראל! פון די קיסו וקבלו חתיחה דרייוו זענען אריינגעקוחען **איבער א דריטל-חיליאן טעג חתוחות** פון אידן וואס האבן זיך פארגענוחען נישט צו קוקן קיין ווידיאוס אדער קליפס!

ישראל קדושים הם! כאפטס אייך חיט! חיט א כח הרבים וועלן חיר פארחאכן די אונטער-טיר פונעם שטן. חיר שטעלן צו א **דראסטישע הנחה** פון די באריחטע פירחע 'קאנאן'! האנדלט אייך איין געוצליך כשר'ע העכטס-קוואליטעט קעחעראס אן קיין שום חעגליכקייט צו זעהן אדער נעחען ווידיאו קליפס.

**פאר חער פרטים, רופט אריין צו השוחרים טעלעפאון ליין און דרוקט 2 < 5.**



**הוצאת הגליון לעילוי נשמת** לוחם מלחמת ד' הגה"צ ר' **שאול יצחק ראבינאוויטש** זצ"ל בן יבלחט"א כ"ק ר' רפאל חיים יחיאל שליט"א אדמו"ר משכנות הרועים

**צו הערן די מעסעדזשעס פון צוהערער, דרוק 3 < 1 פון די מעין מעניו.**
(דרוק # בשעת'ן אויסהערן צו הערן ווי אזוי אויפצומישן צו א געוויסע מעסעדזש און נאך אפציעס)

די גליון ווערט פארשפרייט איבער דער גאָרער וועלט:
מאָנסי, וויליאַמסבורג, באָראָ פאַרק, קרית יואל, שיכון סקווירא, קרייאמישא, לעיקוואָד, סטעטן איילנד, יוניאן סיטי, מאנטיסעלאו, סאוט-פאלסבורג, מאָנטריאַל, קרית טאהש, ירושלים, לאָנדאָן, אַנטווערפן, מאנטשעסטער, געיטסהעד, קענווי איילענד, מעלבאָרן אָסטראליע, טשיקאַגאָ, באַלטימאר, אַרגענטינאַ, בראַזיל, פראַנקרייך, און נאָך.
**נעמט אַ חלק אין די געוואַלדיגע זיכוי הרבים; צו מנדב זיין, אָדער פאַר הערות, ביטע לאָזט א מעסעדזש ביי 9 < 4 < 5 פון די מעין מעניו אָדער אויף די פאָסט: P.O.B 813 Monsey N.Y. 10952**

רופט אונזער טעלעפאון-ליין צו הערן כסדר'דיגע **חיזוק, מעשיות און געדאַנקען:**
**845-400-1111** / 718 אין ברוקלין
לאָקאַלע נומערן:
קאַנאַדאַ: 514-700-4700
ארץ ישראל: 077-224-1111
ענגלאַנד: 0330-350-3060
בעלגיע: 323-346-0111
פראַנקרייך: 33-9-730-5-3366
אַרגענטינאַ: 54-115-199-3111
בראַזיל: 556-14-042-7272
פעקס-אָן-דימענד: 845-400-1187